ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# עין יעקב

על מסכת

# בכורות

בלשון הקודש
ואידיש

**232 א'**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# עין יעקב
## מסכת בכורות

כולל כל האגדות מתלמוד בבלי
וירושלמי, הנמצאות במסכת בכורות

עם פירוש רש״י בשלמותו והחדושים שנתוספו
בו, ככל הנמצא בספר עין יעקב הגדול.
גם איזה מאמרים מתוספות מהרש״א, הרי״ף, ועיון יעקב.
גם ציוני הדפוס בש״ס, וציוני המקראות בתנ״ך, והגהות הב״ח.
ונוסף על זה פירוש עברי טייטש הנהוג במדינתנו.
**נעתק על ידי ה״ר יוסף מאיר יעב״ץ**
**מעתיק המשניות עברי טייטש.**

**הוצאת אמונה**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ״ו לפ״ק

(דף ד) **א** אריב"ל בכ"ד מקומות נקראו כהנים לוים וזה אחד מהם (יחזקאל מד) והכהנים הלוים בני צדוק.

(ע"ב) **ב** ואיתמר ר' יוחנן אמר קדשו בכורות במדבר וריש לקיש אמר לא קדשו בכורות במדבר ר"י אמר קדשו בכורות במדבר דרחמנא אמר ליקדשו כדכתיב קדש לי כל בכור ור"ל אמר לא קדשו בכורות במדבר מדכ' והיה כי יביאך וכתיב בתריה והעברת מכלל דמעיקרא לא קדוש]. ת"ש נמצאת אתה אומר בג' מקומות קדשו בכורות לישראל במצרים ובמדבר ובכניסת ישראל לארץ. במצרים מהו אומר (שמות יג) קדש לי כל בכור. במדבר הוא אומר (במדבר ג) כי לי כל בכור. בכניסתן לארץ הוא אומר (שמות יג) והיה כי יביאך והעברת. אמר רב נחמן בר יצחק בג' מקומות הוזהרו על הבכורות ליקדש ולא קדשו ובמצרים לא קדשו וכו' אלא אי איתמר הכי איתמר רבי יוחנן אמר קדשו ולא פסקו וריש לקיש אמר קדשו ופסקו:

פירוש

לא קדשו בכורות. שנולדו במדבר: דמעיקרא. במדבר הוי קדש לי כל בכור תוקי ליה ריש לקיש במצרים אבל במדבר לא קדשו מדכתיב והיה כי יביאך והדר והעברת כל פטר רחם: הוזהרו ליקדש. ולעולם לכשיכנסו לארץ: לא קדשו.. בתמיה והא פודו כלכו לעיל מאותן שיצאו ממצרים: ופסקו. משעת הקמת המשכן על חומש הפקודים ואילך:

שאל

## פרק ראשון

**א** אמר. רבי יהושע בן לוי האט גזאגט אין פיר אונ צוואנציג ערטער ווערין גירופען די כהנים לוים. אונ דאס איז איינער פון זיי. והכהנים הלוים בני צדוק: די כהנים וואס ווערין גירופען לוים די קינדער פון צדוק:

**ב** איתמר. מיר האבען גילערונט רבי יוחנן זאגט דיא בכורים וואס זענען גיבארין גיווארין אין דער מדבר: זענען גיהייליגט גיווארין. אונ ריש לקיש זאגט דיא בכורים וואס זענען גיבארין גיווארין אין דער מדבר זענען ניט גיהייליגט גיווארין. רבי יוחנן זאגט פון וואנען ווייסען מיר אז דיא בכורים וואס זענען גיבארין גיווארין אין דער מדבר זענען גיהייליגט גיווארין. ווארום דיא תורה האט גזאגט זייא זאלין גיהייליגט ווערין: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צו משה דוא זאלסט הייליגען צו מיר אלע בכורים. אונ ריש לקיש זאגט פון וואנען ווייסען מיר אז דיא בכורים וואס זענען גיבארין גיווארין אין דער מדבר זענען ניט הייליג גיווארין. ווארום עס שטייט אין פסוק אז גאט וועט דיך ברייננען אין דעם לאנד כנען ואין ארץ ישראל) דער נאך זאלסטו הייליגען דיא בכורים. אבער איידער מען קומט אריין אין ארץ ישראל דארף מען ניט הייליגען דיא בכורים. פרעגט דיא גמרא מיר האבען גילערונט עס ווערט גיפונען אז אין דריי ערטער האבען דיא יודען גיהייליגט דיא בכורים. אין מצרים אונ אין דער מדבר אונ ווען זייא זענען אריין גיגאנגען אין ארץ ישראל. ביי מצרים שטייט אין פסוק דוא זאלסט הייליגען צו מיר אלע בכורים. ביי דער מדבר שטייט אין פסוק ווארום צו מיר גיהערין אלע בכורים: ווען זייא וועלין אריין גיין אין ארץ ישראל שטייט אין פסוק אז גאט וועט דיך אריין ברייננען אין דעם לאנד פון דעם כנעני זאלסטו געבין אלע בכורים צוא מיר. זעהן מיר דאך אז אין דער מדבר זענען אויך גיהייליגט גיווארין דיא בכורים: האט רב נחמן בר יצחק גיענטפערט אזוי מיינט מען אין דריי ערטער זענען דיא יודען גיבאטען גיווארין זייא זאלען הייליגען דיא בכורים ווען זייא וועלין אריין קומען אין ארץ ישראל. אונ זיי האבען ניט גיהייליגט דיא בכורים. פרעגט דיא גמרא האבען דען דיא יודען ניט גיהייליגט די בכורים ווען זייא זענען גיוועזען אין מצרים: נאר אזוי האבען מיר גילערונט. רבי יוחנן זאגט ווען דיא יודען זענען ארויס גיגאנגען פון מצרים האבען זייא גיהייליגט דיא בכורים. אונ זייא האבען שוין ניט אויף גיהערט צו הייליגען: אין דער מדבר אונ אין ארץ ישראל האבען זייא אלין גיהייליגט דיא בכורים: אונ ריש לקיש זאגט ווען דיא יודען זענען ארויס גיגאנגען פון מצרים האבען זייא גיהייליגט דיא בכורים. נאר ווען זייא זענען גיוועזען אין דער מדבר

אונ

(דף ס) ג **שאל** קונטריקוס ההגמון את ריב"ז בפרטן של לוים אתה מוצא כ"ב אלף וג' מאות ובכללן אתה מוצא כ"ב אלף אותן ג מאות להיכן הלכו א"ל אותן ג' מאות בכורות היו ואין בכור מפקיע בכור מ"ט אמר אביי דיו לבכור שיפקיע קדושת עצמו ועוד שאלו בגבוי הכסף אתה מוצא מאתים ואחד ככר וי"א מנה דכתיב (שמות לח) בקע לגלגלת מחצית השקל בשקל הקדש וגו' לשש מאות אלף וגו' ובנתינת הכסף אתה מוצא מאת ככר דכתיב (שם) ויהי מאת ככר הכסף וגו' משה רבכם גנב היה או קוביוסטוס היה או אינו בקי בחשבונות היה נטל מחצה ונתן מחצה ומחצה שלם לא החזיר א"ל משה רבינו גזבר נאמן היה ובקי בחשבונות היה ומנה של קדש כפול היה. ומנה של קדש כפול היה מנ"ל א"ר חסדא דכתיב

קונטריקוס. שם שר: בפרטן של לוים. דגרשון כתיב ז' אלפים ות"ק ובקהת ח' אלפים ות"ר הרי ט"ו אלפים ומאה ובמררי ו' אלפים ור' הרי כ"ב אלף וג' ובכללן כתיב כל זכר מבן חדש כ"ב אלף: מאתים השקל לגלגלת. לת"ר אלף וג' אלפים ותק"נ הוו מאתים ואחד ככר וי"א מנה. ככר הוא ס' מנה ומנה ק' דינר שהם כ"ה סלעים ושקל דאורייתא הוי סלע חשוב ס' פעמים כ"ה נמצא בככר אלף ות"ק סלעים שהם ג' אלפים חצאי שקלים המגיע לג' אלפי ישראל ככר כסף לג' מאות אלף ק' ככר לת"ר אלף ו' ככר ולג' אלפים ותק"נ סבאלפים אלף ותפע"ה סלעים לאף סלעים ועבה מהן מנין ות"ר סלע ד' מנין הרי לאלף ות"ק סלעים ככר ה' סמו לאו רע"ה סלעים שהם י"א מנים: ומחצה שלם לא החזיר. שהיה לו לשלם מן החצי ק' ככר וחצי וה' מנים וחצי והוא לא נתן אלא ק' ככר כדכתיב ויהי מאת ככר הכסף ולע"ג דכתיב ואת האלף ושבע וגו' עשה ווים אלמא דיהב מן המחצה החזיר אותו פסוק לא הזכיר אותו הגמון שמתכוין היה לקנטרו בדברים: כפול היה. שהיו בו נ' סלעים וה"ל ככר של קדש ק' מנה של נ' נ' סלעים שהם ק"כ מנה כלוהסק' ככר בו ר

---

און נאט האט גענומען דיא לוים פאר די בכורים. האבען זייא שוין אויף געהערט צו הייליגען די בכורים:

ג **שאל**. דער פירשט קונטריקוס האט געפרעגט ביי רבי יוחנן בן זכאי ווען דיא לוים זענען געציילט יעדער משפחה בזונדער. זענען זייא צוויא אונ צוואנציג טויזענד מיט דרייא הונדערט. אונ ווען מען ציילט דיא לוים אלע צו זאמען רעכונט מען נאר צוויי אונ צוואנציג טויזענד. וואו זענען אוועק געגאנגען דיא דריי הונדערט לוים. האט רבי יוחנן געענטפערט דיא דרייא הונדערט לוים זענען געוועזן בכורים. אונ איין בכור קען ניט אויס ציהען דעם אנדערן בכור פון זיין הייליגקייט. פאר וואס. האט אביי געזאגט גינוג פאר דעם בכור ער זאל אויס ציהען זיין אייגענע הייליגקייט. נאך האט קונטריקוס געפרעגט ביי רבי יוחנן ווען מען האט צו זאמען גענומען דיא זילבער צום משכן איז געוועזן צוויא הונדערט מיט איין צענטנער מיט עקף פונט; אזוי וויא עס שטייט אין פסוק יעדער זאל געבין א האלבען טאלער צוא זיין קאפ. אונ דיא יודען זענען געוועזן זעקס מאהל הונדערט טויזענד אונ דריי טויזענד מיט פינף הונדערט אונ פופציג. זעקס מאהל הונדערט טויזענד האלבע טאלערס. זענען דרייא מאהל הונדערט טויזענד גאנצע טאלערס. דריי טויזענד מיט פינף הונדערט אונ פופציג האלבע טאלערס. איז טויזענד זיבען הונדערט מיט פינף אונ זיבעציג גאנצע טאלערס. אונ טויזענד פינף הונדערט טאלער איז איין צענטנער. אונ פינף אונ צוואנציג טאלער איז אפונט. דריי מאהל הונדערט טויזענד טאהלער איז צוויי הונדערט צעהנטנער. אונ טויזענד פינף הונדערט טאלער איז איין צענטנער. אונ צוויי הונדערט פינף אונ זיבעציג טאלער איז עקף פונט. אונ ווען משה הט גיגעבין דיא טאלערס צו דיא ארבעט האט ער נאר גיגעבין הונדערט צענטנער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא הונדערט צעהנטנער זילבער זענען געוועזן צום גיסען דיא שוועלין. אייער רבי משה איז געוועזן א גנב אדער א גזלן אדער ער האט ניט געקענט רעכענען. ער הט גינומען העלפט זילבער פאר זיך אונ העלפט האט ער אוועק גיגעבין. אונ ער האט נאך גיגעבין וויניגער וויא א העלפט. ווארום א העלפט איז הונדערט מיט א האלבין צענטנער אונ פינף מיט א האלב פונט. אונ ער האט נאר גיגעבין הונדערט צעהנטנער גלייך. האט רבי יוחנן גזאגט משה רבינו איז געוועזן א ערליכער גבאי אונ ער האט געקענט רעכענען. נאר דער פונט פון בית המקדש איז געוועזן א טאפעלער פונט. הונדערט צעהנטנער פון בית המקדש איז געוועזן צווייא הונדערט

פון

דכתי' (יחזקאל מה) והשקל עשרים גרה עשרים שקלי' וגו' :

(ע"ב) **ד א"ר** חנינא שאלתי את רבי אליעזר בבית כותבא רבא מה נשתנו פטרי חמורים מפטרי סוסים וגמלים א"ל גזרת הכתוב הוא ועוד שסייעו את ישראל בשעה שיצאו ממצרים שאין לך כל אחד ואחד מישראל שלא היו לו צ' חמורים לובים טעונים מכספא ודהבא של מצרים . ועוד שאלתיו מה לשון רפידים אמר לי רפידים שמה כתנאי ר' אליעזר אומר רפידים שמה רבי יהושע אומר שריפו עצמן מדברי תורה וכן הוא אומר (ירמיה מז) לא הפנו אבות אל בנים מרפיון ידים . ועוד שאלתיו מה לשון שטים אמר לי שטים שמה כתנאי ר' אליעזר אומר שטים שמה ר"י אומר שנתעסקו בדברי שטות . (במדבר כה) ותקראן לעם לזבחי אלהיהן רבי אליעזר אומר ערומות פגעו בהן רבי יהושע אומר שנעשו כולן בעלי קריין :

(דף ז ע"ב) **ה ת"ר** דג טמא משריץ דג טהור מטיל ביצים כל המוליד מניק מטיל בצים

פירוש

**ככר והאחד** ככר וי"א מנה היו האלף והשע"ב שמשה ויש לעמודים :

**בבית** מותבא כלה . בבית מדרש הגדול : לובים . מעולים : שריפו ידיהם וכו' . לפיכך כלה עליהם שמלק : לא כפס אבות אל בנים . לחזלון מרפיון ידים מפון שריפו ידיהם מן התורה : בדברי שטות . לשון לא בנות מולכ . (ל"א בנות לבין מוי כמו ויבז עשו ומתרגמינן ושט) : ערומות פגעו בהם . והקרלן משמע גופן היה סוגע בהן : שנעשו כולן בעלי קריין . ולכן מקרה היה :

**כל המוליד** . כיולד עובר מתם : מניק . שיש לו דדים : **וכל** המטיל ביצים . אין לו דדים אלא

---

אין דער מדינה . אונ פון דעם איין צעהנטנער מיט דיא עלף פונט האט משה גימאכט דיא האקין צוא דיא זיילען . אונ פון וואנען ווייסען מיר אז דער פונט פון בית המקדש איז גיוועזען אטאפעלער . האט רב חסדא גיזאגט אזוי . וויא עס שטייט אין פסוק (אין יחזקאל קפיטל מה) :

**ד** אמר . רבי חנינא האט גזאגט איך האב גיפרעגט ביא רבי אליעזר ווען ער איז גיזעסען אין דעם גרויסען בית המדרש . פאר וואס דער ערשט גיבארענער איזיל איז היילינ אונ דער ערשט גיבארענער פערד אדער קעמל איז ניט היילינ . האט רבי אליעזר גזאגט דאס האט אזוי גיהייסען . אונ נאך אטעם קען מען זאגען ווייל דיא איזלען האבען גיהאלפען דיא יודען ווען זייא זענען ארויס גיגאנגען פון מצרים . ווארום עס איז ניט גיוועזען איין יוד וואס זאל ניט האבען ניינציג איזלען פון לוב דאס זענען דיא בעסטע איזלען וואס זענען גיוועזען בלאדען מיט זילבער אונ גאלד וואס דיא יודען האבען גירויבט אין מצרים . דריבער האבען דיא איזלען זוכה גיוועזען אז זייערע ערשט גיבארענע קינדער זאלען זיין היילינ . נאך האב איך גיפרעגט ביי רבי אליעזר וואס איז דער טייטש רפידים . האט רבי אליעזר גזאגט דער נאמען פון דעם ארט האט גיהייסען רפידים . זאגט דיא גמרא אין דעם קריגען התנאים . רבי אליעזר זאגט רפידים איז דער נאמען פון דעם ארט . רבי יהושע זאגט דער ווארט רפידים מאכט שריפו עצמן מדברי תורה . דיא יודען האבען זיך אפ גילאזין פון דער תורה . זייא האבין ניט גילערונט דיא תורה . דריבער איז גיקומען אויף זייא עמלק . אונ אזוי שטייט אין פסוק עס וועלין זיך ניט קערין דיא פאטערס צוא דיא קינדער מרפיון ידים . ווייל דיא קינדער וועלין אפ לאזין דיא הענט פון דיא תורה . נאך האב איך גיפרעגט ביא רבי אליעזר וואס איז דער טייטש שטים . האט רבי אליעזר גזאגט דער נאמען פון דעם ארט האט גיהייסען שטים . רבי יהושע זאגט שטים איז דער טייטש נארעשקייט . דיא יודען האבען זיך בשעפטיגט מיט נארעשקייט צוא מזנה זיין מיט די טעכטער פון מואב . עס שטייט אין פסוק ותקראן לעם לזבחי אלהיהן . רבי אליעזר זאגט ותקראן איז דער טייטש טרעפין . דיא טעכטער פון מואב זענען גיקומען נאקעט געגין דיא יודען אונ זייא האבען גיטראפען איין גוף צום אנדערין גוף . רבי יהושע זאגט אלע יודען וויא זייא האבען גיזעהן די טעכטער פון מואב איז פון זיי ארויס גיגאנגען שכבת זרע :

**ה** תנו רבנן . די רבנן האבען גילערונט די פיש וואס מען טאר זיי ניט עסין ווערט פון זייא גיבארין קליינע פיש . אונ דיא פיש וואס מען מעג זייא עסין ווערט פון זיי גיבארין

אייער

בצים מלקט חוץ מעטלף שאע"פ שמטיל ביצים מניק (דף ה) הדולפנין פרים ורבים מבני אדם מאי הדולפנין א"ר יהודה בני ימא . כל שזכרותו בחוץ מוליד מבפנים מטיל ביצים כל שתשמישו ביום יוליד ביום כל שתשמישו בלילה יוליד בלילה כל שתשמישו בין ביום בין בלילה מוליד בין ביום בין בלילה. תשמישו ביום יוליד ביום תרנגול. בלילה עטלף . בין ביום בין בלילה אדם וכל דדמי ליה . כל שתשמישן ועבורן שוה יולדין ומגדלין זה מזה (אין תשמישן ועיבורן שוה אין יולדין ומגדלין זה מזה) . הכל משמשין פנים כנגד עורף חוץ מאדם ודג ונחש מ"ש הני תלתא כי אתא רב דימי אמר אמרי במערבא הואיל ודברה עמהם שכינה . תנא גמל אחור כנגד אחור :

מלקט פירורים ומפרנס את בניו : עטלף . כלב"א שורי"ץ דומה לעכבר ויש לו כנפים : כ"ג סדולפנין פרין ורבין מבני אדם . שאם בא אדם עליהם מתעברים סימנו : בני ימא . דגים יש בים שחציין צורת אדם והציין צורת דג ובלע"ז שירינ"א: כל שזכרותו . הגיד : מוליד . עובר ממש : מטילה . הנקבה ביצים : כל שתשמישן ועיבורן שוה . כגון כבש ועז שתיהם משמשים פנים כנגד עורף וימי עיבורן שוה שבזהב הולד בכבש ה' חדשים : יולדין . אם בא אחד על מין חברו : ומגדלין : מניקין : עמהם שכינה . ויאמר ה' לדג:

ת"ר

אייער . אונ פון די אייער ווערין קליינע פיש . אלע לעבעדיגע זאכין וואס גיבארין קינדער . האבען זיי בריסט צו געבין זייגען די קינדער . אונ די וואס גיבארין אייער אונ פון די אייער ווערין די קינדער . די קינדער זייגען ניט . נאר די מוטערס קלויבען שפייז אונ לייגין אריין די שפייז צו די קינדער אין מויל . נאר די פלעדער מויז אפילו זיא גיבארט אייער אונ פון דיא אייער ווערין די קינדער . פון דעסטוועגין האט זיא בריסט אונ די קינדער זייגען ביי איהר . די דולפנין האבען קינדער פון מענטשין . וואס איז דולפנין . רב יהודה זאגט דס איז אים מענטש . אין ים איז דא אזוי אבשעפעניש וואס ער איז האלב מענטש אונ האלב פיש . אז אמענטש איז מזנה מיט דעם דולפן . ווערט זיא מעוברת אונ האט קינדער פון איהם . דער זכר וואס דער גליד זייגער איז אויסווייניג אזוי וויא ביי אמענטש . אז ער בהעפט זיך מיט זיין נקבה . גיבארט די נקבה אקינד . אונ דער זכר וואס דער גליד זייגער איז אינווייניג . אז ער בהעפט זיך מיט זיין נקבה . גיבארט זיא נאר אייער . דער זכר וואס בהעפט זיך צו זיין נקבה נאר ביי טאג . גיבארט זיא ביי טאג . אונ דער זכר וואס בהעפט זיך צו זיין נקבה נאר ביא נאכט . גיבארט זי נאר ביי נאכט . אונ דער זכר וואס בהעפט זיך צו זיין נקבה אמאהל ביי טאג אונ אמאהל ביי נאכט . גיבארט זיא אמאהל ביי טאג אונ אמאהל ביי נאכט . וועלכער זכר בהעפט זיך צו זיין נקבה נאר ביי טאג . דאס איז אהאן : אונ וועלכער זכר בהעפט זיך צו זיין נקבה נאר בייא נאכט . דאס איז אפלעדער מויז . אונ וועלכער זכר בהעפט זיך ביי טאג אונ ביי נאכט . דאס איז אמענטש אונ נאך זענען דא אזעלכע . די אלע בשעפעניש וואס דער בהעפטונג צו זייערע נקבות זענען גלייך ולמשל אז זיא בהעפטין זיך צו זייערע נקבות איז דער פנים פון דעם זכר אויף דעם רוקען פון די נקבהו . אונ זייא טראגען זייערע קינדער אויך גלייך ולמשל אשעפס מיט איין קאזע . דער שעפס איז מעוברת פינף חדשים : אונ אקאזע איז אויך מעוברת פינף חדשים) . אויב אשעפס אזכר האט זיך בהעפט מיט אקאזע אנקבה . אדער פאר קערט אקאזע אזכר האט זיך בהעפט מיט אשעפס אנקבה ; ווערין די נקבות מעוברת . אונ אשעפס זייגט פון אקאזע אונ אקאזע זייגט פון אשעפס . אבער אז זייער בהעפטונג איז ניט גלייך . אדער זייער מעוברת זיין איז ניט גלייך . קען ניט מעוברת ווערין איין מין פון דעם אנדערין מין . אונ איין מין זייגט ניט פון אנדערין מין . אלע מינים וואס זענען דא אויף דער וועלט . ווען זייא בהעפטין זיך איז דער פנים פון זכר אויף דעם רוקען פון דיא נקבה . נאר אמענטש אונ אפיש אונ אשלאנג ווען זיי בהעפטין זיך איז דער פנים פון זכר געגין דעם פנים פון די נקבה . פר וואס נאר די דריי . אז רב דימי איז גיקומען הט ער גיזאגט אז אין ארץ ישראל זאגט מען ווייל די שכינה האט מיט זיי גירעט ואז גאט האט גירעט מיט דעם שלאנג . שטייט אין דער סדרה בראשית . אונ אז גאט האט גירעט מיט דעם פיש . שטייט אין דעם ספר יונה . מיר האבען

בילערונט

**כ"א יום.** לאחר שמתעברת מן התרנגול שוהה ביצה לגמור עד כ"א יום: **לוז.** קודדלא"ן בגדלים מן האגוזים קטנים ומשעת פריחו עד שעת גמר פריו כ"א יום: **כלב לנ' יום.** נגמרה צורת הולד: **וכנגדו באילן תאנה.** כמ"ד עץ שאכל אדם הראשון תאנה היתה קרי לתבואה מין אילן: **דקל.** גדלים בו תמרים: **ברדלס.** אפא: **קוף.** שימי"ו בלעז: **קיפוף.** כמין קוף ויש לו זנב ובלשון אשכנז מערקא"ט: **בנות שוח.** תאני הווריות: **אפעה.** מתעבר לאחר ע' שנה שנולד: **וימי עיבורו.** משעת הפריה עד שעת גמר פרי: **כוכססין.** מין בנות שוח ואלא בנות שוח מינא: **מכ"ש.** דהא ימי עיבורו ז' שנים: אם מבהמה נקלל מחיה לא כ"ש. שפחופה יותר מן הבהמה שאני מן ס' חדשים והתול נ"ב יום וכמה לילה

**ת"ר** תרנגולת לכ"א יום וכנגדה באילן לוז. כלב לנ' יום וכנגדו באילן תאנה. חתול לנ"ב יום וכנגדו באילן תות. חזיר לס' יום וכנגדו באילן תפוח. שועל וכל מיני שרצים לששה חדשים וכנגדן באילן תבואה. בהמה דקה טהורה לה' חדשים וכנגדה באילן גפן. בהמה גסה טהורה לט' חדשים וכנגדה באילן זית. בהמה גסה טמאה לי"ב חדשים וכנגדה באילן דקל. הארי והזאב והדוב והנמר והברדלס והפיל והקוף והקיפוף לשלש שנים וכנגדן באילן בנות שוח. אפעה לע' שנה וכנגדו באילן הרוב חרוב זה משעת נטיעתו עד שעת גמר פריו ע' שנה וימי עיבורו ג' שנים. נחש לשבע שנים ולאותו רשע לא מצינו לו חבר. ויש אומרים כוכססין ובנות שבע. מנא הני מילי אמר רב יהודה אמר רב ומטו בה משמיה דר' יהושע בן חנניא אמר

---

גילערונט ווען קעמלען בהעפטין זיך אבער מיט אנקבה. שטייען זיי מיט די ווירקען איינער נעבין דעם אנדערין:

**ו** תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט אז אהון ווערט מעוברת פון אהאן ליגט די איי ביי די הון אין בויך איין און צוואנציג טעג ביז זי ווערט פערטיג. און דר בוים וואס אויף איהם וואקסט אזעלגע ניס. פון דער צייט וואס דער בוים בליהט. ביז די ניס ווערין צייטיג. דארט אויך איין און צוואנציג טעג. ביי אהונט פון דער צייט וואס דער זכר בהעפט זיך מיט דיא נקבה ביז עס ווערט בשאפען ביי איהר אין בויך אקינד: דארט פופציג טעג. און דער פייגען בוים פון דער צייט וואס דער בוים בליהט ביז די פייגין ווערין צייטיג: דארט אויך פופציג טעג. אקאץ איז מעוברת צוויי און פופציג טעג. און דר בוים וואס אויף איהם וואקסין תותים דארט אויך פון בליהען ביז צייטיג ווערין צוויי און פופציג טעג. אחזיר איז מעוברת זעכציג טעג. און דער בוים וואס אויף איחם וואקסט עפיל דארט אויך פון בליהען ביז צייטיג ווערין זעכציג טעג. אפוקס און אלע ערליא שרצים זענען מעוברת זעקס חדשים: און ביי ווייץ דארט אויך זעקס חדשים פון ארויס שפראצין ביז צייטיג ווערין. קליינע בהמות וואס מען מעג זיא עסין ושעפסין קאזעס זענען מעוברת פינף חדשים. און ביי דעם ויין שטאק דארט אויך פינף חדשים פון בליהען ביז צייטיג ווערין. גרויסע בהמות וואס מען מעג זייא עסין זענען מעוברת ניין חדשים. און ביי דעם איילבירט בוים דארט אויך ניין חדשים פון בליהן ביז צייטיג ווערן. גרויסע בהמות וואס מען טאר זייא ניט עסין זענען מעוברת צוועלף חדשים. און ביי דעם טייטעל בוים דארט אויך צוועלף חדשים פון בליהען ביז צייטיג ווערין. אלייב און אוואלף און אבער און אלעמפערט און אטיגער און אעלפאנד און אמאלפא אום אים קאץ דיא אלע זענען מעוברת דריי יאהר. און ביא דעם בוים וואס אויף איהם וואקסט ווייסע פייגען דארט אויך דריי יאהר פון בליהען ביז צייטיג ווערין. דר אפעה אז ער ווערט אלט זיבעציג יאר ווערט ער איצט מעוברת. און דער באקסין בוים איז אויך אזוי. פון דער צייט וואס מען פלאנצט דעם באקסין בוים ביז די ערשטע פירי ווערט צייטיג דארט זיבעציג יאר. און פון דעם בליהען ביז צייטיג ווערין דארט דרייא יאהר. דער שלאנג איז מעוברת זיבען יאהר: און צו דעם רשע וצום שלאנגו געפינען מיר ניט קיין גלייכען. אנדערע זאגען דער בוים וואס אויף איהם וואקסט מוכססין און בנות שבע דארט אויך פון בליהען ביז צייטיג ווערין זיבען יאהר. פרעגט דיא גמרא פון וואנען וויסען מיר אז א שלאנג איז מעוברת זיבען יאהר. האט רב יהודה גזאגט פון רבס וועגין. אנדערע זאגין דאס פון רבי יהושע בן חנניהם וועגין עס שטייט אין פסוק נאט האט וזאגט צום שלאנג

דוא

**אמר קרא** (בראשית ג) ארור אתה מכל הבהמה ומכל חית השדה אם מבהמה נתקלל מחית השדה לא כל שכן אלא לומר לך כשם שבהמה נתקללה מחיה אחד לשבעה ומאי ניהו חמור מחתול כך נתקלל הוא מבהמה אחד לשבעה דהוה ליה ז' שני ואימא כשם שנתקללה חיה מבהמה אחד לג' ומאי ניהו ארי מחמור כך נתקלל הוא מחיה דהוה ליה ט' שנים (ע"ג) מי כתיב מכל החיה ומכל הבהמה מכל הבהמה ומכל החיה כתיב ארור הוא מבהמה שנתקללה מחיה ואימא כשם שנתקללה בהמה מחיה אחד לשלשה ומאי ניהו עז מחתול כך נתקלל הוא מבהמה אחד לג' דהוה ליה חמיכר ירחי אבע"א מכל הבהמה כתיב ואבע"א קללה הוא שדי קללה עילויה:

למימר דהאי מכל החיה כיון דאי הו להנך דלא כן לכתוב מכל החיה ולא ליבעי בהמה: אלא. להכי כתיב תרווייהו: לומר לך וכו'. והכי משמע ארור הוא מכל הבהמה כמה שהיא ארורה יותר מן החיה כשם שהבהמה נתקללה מן החיה על אחד משבעה ומאי ניהו חמור מחתול שהבהמה יש ז' פעמים נ"ב יום (ואמרינן לעיל דבהמה טמאה גסה כגון חמור י"ב חדש וחתול נ"ב יום) כך נתקלל הוא מבהמה כגון מבהמה גסה טמאה אחת לז' דבהמה גסה טמאה י"ב חדש ותביב ז' פעמים י"ב חדש דהיינו אחת לז' והוו שב שני: מי כתיב מכל החיה ומכל הבהמה. דנדרוש מכל החיה דנתקלל יותר מבהמה: מכל הבהמה כתיב. משמע מבהמה המקוללת יותר כך נתקלל והין לך מקוללת בבהמה גסה יותר מחמור: כך נתקלל הוא מבהמה אחד לשלשה. כגון בהמה דקה עטורה דעיבורה לחמשה חדשים ונתקלל זה ביי הא המיכר: אבע"א מכל הבהמה. דמשמע מכל הבהמה המקוללת יותר: ואבע"א. כשם קללה כאמר כולכך קללה האמורה בהוכל לדרוש מן הפסוק שדי עילויה והכי כמי היכא לתקשוייה ואימא כשם שנתקללה בהמה מחיה א' לג' ומאי ניהו רמור מחתול כך נתקלל הוא מחמור א' לג' דהוי להו ג' שנים הלא אינא לתרוצי קללה שדי עילויה עוד מכל הבהמה ומכל החיה כתיב דמשמע משום בהמה איתרבי קללתה על שם חיה ומינו חמור מקולל מחתול אחד לשבעה:

**דוא** זאלסט זיין פאר פלוכט מער פון אלע בהמות אונ פון אלע חיות פון פעלד. איז דאך א קשיא אז ער איז פאר פלוכט מער ווי א בהמות. איז ער דאך מער ווי א חיות געווים פאר פלוכט. ווארום אקאץ וואס זיא איז אחיה איז זיא מעוברת צוויי אונ פופציג טעג. אונ דיא קלענסטע בהמה איז מעוברת פינף חדשים. נאר אזוי מיינט דער פסוק אזוי ווי דיא בהמה איז גיפלוכט געווארין זיבען מאהל אזוי פיל ווי דיא חיה. ווארום דער אייזיל איז גיפלוכט געווארין זיבען מאהל אזוי פיל ווי דיא קאץ ווארום דער אייזיל איז מעוברת איאהר אונ די קאץ איז מעוברת צוויא אונ פופציג טעג. אונ אין איאהר איז דא זיבען מאהל צוויא פופציג טעגו. אזוי איז גיפלוכט געווארין דער שלאנג זיבען מאהל אזוי פיל ווי דיא בהמה. אז דער אייזיל איז מעוברת איין יאהר. איז דער שלאנג מעוברת זיבען יאהר. פרעגט דיא גמרא טאמער מיינט מען אזוי ווי דיא חיה איז גיפלוכט געווארין דריי מאהל אזוי פיל ווי דיא בהמה. דס מיינט מען דער לייב איז גיפלוכט געווארין דרייא מאהל אזוי פיל ווי דער אייזיל. דער אייזיל איז מעוברת איין יאהר. אונ דער לייב איז מעוברת דרייא יאהר. אזוי איז גיפלוכט דער שלאנג דרייא מאהל אזוי פיל ווי דיא חיה. דער לייב איז מעוברת דריי יאהר. אונ דער שלאנג איז מעוברת ניין יאהר. ענטפערט דיא גמרא שטייט דען אין פסוק דער שלאנג זאל זיין גיפלוכט איך זאל טייטשין דיא חיות וועגן מער גיפלוכט ווי די בהמות אונ דר שלאנג זאל זיין מער גיפלוכט ווי דיא חיות. עס שטייט דאך אין פסוק דער שלאנג זאל זיין גיפלוכט מער פון אלע בהמות וואס דיא בהמות זענען גיפלוכט מער פון אלע חיות. אונ דער אייזיל איז מער גיפלוכט פון אלע בהמות. אונ ער איז מעוברת איאהר: זיבען מאהל אזוי פיל ווי דיא קאץ. אזוי איז מעוברת דער שלאנג זיבען יאהר. זיבען מאהל אזוי פיל ווי דער אייזיל. פרעגט דיא גמרא טאמער מיינט מען אזוי. אזוי ווי דיא בהמה איז גיפלוכט געווארין דרייא מאהל אזוי פיל ווי דיא חיה. דאס מיינט מען דיא קאזע איז גיפלוכט געווארין דריי מאהל אזוי פיל ווי די קאץ. ווארום דיא קאץ איז מעוברת צוויי אונ פופציג טעג. אונ דיא קאזע איז מעוברת פינף חדשים. והונדערט מיט פופציג טעגו. אזוי איז גיפלוכט געווארין דער שלאנג דריי מאהל אזוי פיל ווי די קאזע. דארף דער שלאנג זיין מעוברת כופצעהן חדשים. ענטפערט דיא גמרא אויב דוא ווילסט וועל איך דיר אזוי זאגען. עס שטייט אין פסוק דער שלאנג זאל זיין גיפלוכט מער פון אלע בהמות. מער פון דיא בהמה וואס איז אם מערסטין גיפלוכט. אונ דער אייזיל איז דאך גיפלוכט מער ווי דיא קאזע. דארף דער שלאנג גיפלוכט זיין מער ווי דער אייזיל אונ אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגען דאס איז דאך אפלוכונג וואס גאט האט גיפלוכט דעם שלאנג. וואס הוא קומט דיא פלוכונג פאר גרעסערין. פאר גרעסער וויא:

אמר

ז א"ל קיסר לר' יהושע בן חנניה נחש לכמה מיעבר ומוליד א"ל לשבע שנין והא סבי דבי אתונא ארבעוה ואוליד לתלת הנהו מעוברין הוו מעיקרא די שנין והא משמשי שמושי אינהו נמי משמשי כאדם והא חכימין אינון אנן חכימין מנייהו אי חכימת זיל זכינהו ואייתינהו לי א"ל כמה הוו ששים גברי א"ל עביד לי ספינתא דס' בתי וכל ביתא שדי בה ס' ביסתרקי עביד ליה כי כמא להתם על לבי טבחא אשכחיה להחוא גברא דקא עביד חיותא א"ל (רישא אית לך) רישך לזבוני א"ל אין אמר ליה בכמה א"ל בפלגא דוזא יהב ליה לסוף (א"ל הב לי רישך יהב ליה חד רישא דחיותא) א"ל אנא רישא דחיותא אמרי לך אנא רישך אמרי לך א"ל אי בעית דאישבקך סגי אחוי לי פתחא דבי אתונא א"ל מיסתפינא דכל דבחוי להו קטלי ליה א"ל דוי כרוכא דקניא וכי מטית להתם זקפית כמאן

בהמה מיעבר ומוליד. כמה בזמן עוברת כמשיו: דבי אתונא. מקום: והא משמשי שמושי. אי הוו מיעברי לא הוו משמשי מתוך היו וכבהמה לאחר שנתעברה אינה מקבלת זכר: והא חכימי. פנים כבי וירדו לסוף האמצע: זכינהו: נצחם מחכמתך: ביסתרקי: כסאות: כי מטי להתם. לבוך שלהם: עביד חיותא. מגזת בהמה: ותלת רישא דחיותא אמרי לך. בהמים: סגי. לעוד ולך לפמי: דוי כריכי דקני. טול חבילה של קנים: וכי מטית סמס. כנגד הפתח: זקוף: החבילה לארץ:

---

ז אמר. דער קיסר האט גזאגט צו רבי יהושע בן חנניה וויא לאנג איז אשלאנג מעוברת ביז ויא גיבארט דאם קינד. האט רבי יהושע גזאגט זיבען יאהר: האט דער קיסר גיזאגט זא רבי יהושע דיא אלטע לייט פון דיא שטאט אתונא האבען צו זאמען גיפארט צוויי שלאנגען אזכר מיט אנקבה אונ אין דרייא יאהר האט דיא נקבה גיבארען. ועהן מיר דאך אז ויא איז נאר מעוברת גיוועזן דרייא יאהר. האט רבי יהושע גזאגט דער שלאנג איז שוין גיוועזן מעוברה פון פיר יאהר פריער. אונ איצט דריי יאהר. איז זיבען יאהר. האט דער קיסר גזאגט אז דער שלאנג וואלט גיוועזן מעוברת. וואלט ער זיך דאך ניט בהעפט מיט דעם זכר. ווארום אזע חיות אונ בהמות וויא זייא ווערין נאר מעוברת בהעפטין זייא זיך שוין ניט מיט דעם זכר. האט רבי יהושע גזאגט שלאנגען בהעפטין זיך דיא נקבות מיט דיא זכרים אפילו זייא וועגען מעוברת. אזוי וויא מענטשין. האט דער קיסר גזאגט דיא אלטע לייט פון אתונא זענען דאך אבער קלוג. אז זייא זאגען דיא שלאנג איז מעוברה נאר דרייא יאהר: געווים איז אזוי אמת. הט רבי יהושע גזאגט מיר זענען קליגער פון זייא. האט דער קיסר גזאגט צוא רבי יהושע אויב דוא ביסט קליגער פון זייא גיי געם זייא איין אונ ברינג זייא צו מיר. האט רבי יהושע גזאגט צום קיסר וויא פיל מענטשין זענען זייא. האט דער קיסר גזאגט זייא זענען זעכציג מענטשין. האט רבי יהושע גזאגט צום קיסר מאך פון מיינעט וועגין אשיף וום אין איר זאל זיין זעכציג שטובען. אונ אין יעדער שטוב זאל זיין זעכציג שטוהלען. האט מען גימאכט אזוי אשיף. אונ רבי יהושע האט זיך אריין גיזעצט אין דיא שיף אונ איז גיפארען ביז צוא דיא שטאט אתונא. וויא ער איז געקומען אין די שטאט אתונא איז ער אריין גיגאנגען צו אקצב וואם פאר קויפט פלייש. הט רבי יהושע גיטראפען וויא דער קצב צוא שניידט אבהמה. האט רבי יהושע גזאגט צום קצב דיין קאפ איז צו פאר קויפען. האט דער קצב גזאגט יא. האט רבי יהושע גזאגט צום קצב פר וויא פיל וועסטו זיא פאר קויפען. האט דער קצב גזאגט פאר אהאלבען גילדען. הט רבי יהושע גיגעבען צום קצב אהאלבען גילדען. דער נאך זאגט רבי יהושע צום קצב גיב מיר דיין קאפ. האט דער קצב גיגעבען צו רבי יהושע אקאפ פון אבהמה. הט רבי יהושע גזאגט צום קצב האב איך דען דיר גזאגט דוא זאלסט מיר געבין אקאפ פון אבהמה. איך האב דאך צו דיר גזאגט דוא זאלסט מיר פאר קויפען דיין קאפ. האט רבי יהושע גזאגט צום קצב אויב דוא ווילסט איך זאל דיך אפ לאזין. גיי ווייז מיר דיא טיר וואו מען גייט אריין צו די אלטע לייט פון אתונא. האט דער קצב גזאגט איך האב מורא צו ווייזען. ווארום דער וואם ווייזט וואו זייא וואהנען הרגנן זייא איהם. האט רבי יהושע גזאגט צום קצב טראג אויף דיר אבינטול שטעקלאך אונ ציי פאר אוים אונ איך וועל גיין אינטער דיר אונ אז דוא וועסט קומען גענין ווייער מיר זאלסטו

שטעלין

כמאן דקא מתפח אזל אשכח דרבנאי מגואי ודרבנאי מבראי דאי חזו כרעא דעיילי קטלי להו לבראי ודנפקא קטלי להו לגואי אפכיה לסנדליה קטלי להו לגואי אפכיה לסנדליה קטלינהו לכולהו אזל אשכח ינוקי מלעיל וסבי מתתאי אמר אי יהיבנא שלמא להני קטלי לי (הני סברי אנן עדיפנן דיתבינן לעיל ואינהו לתחת אי יהיבנא להני קטלי לי) הני סברי אנן עדיפנן דאנן קשישי ואינהו דרדקי אמר להו שלמא לכו אמרו ליה מאי עבידתיך אמר להו חכימאי דיהודאי אנא ואתאי למיגמר חכמה מינייכו אמרי לי׳ אי הכי ניבעי (מינך מלתא) לך אמר להו

כמאן דמתפח. כאדם שעומד לפוח: אזל. רבי יהושע: לאשכח דרבנאי. אורבים: מגואי. אלא יניחו אחד נכנס: מאבראי. אלא יצא אחד מהזקנים לחוץ: וכי הוו. הנך כבי: כרעא דעיילי קטלי לבראי. שמיהם אסקופה ההדר שנגד ונפכין כוכין או אבר עליו וניכרות בה פסיעות אדם וכי הוו כרעא דעיילי קטלי לשומרים בראי שהניחו לצאת וכי הוו כרעא דנפקא קטלי לגואי שהניחו לצאת והשומרים לא היו כונגים שום אדם אא"כ נכנס כולו נפרט על כרחן או אחד יצא כולו לחוץ: אפכיה. ר׳ יהושע לסנדליה ועמד על האסקופה ונראית פסיעה אחת נכנס ופסיעה אחת יוצאה ודחסובו השומרים יצא וכשבאו הזקנים וראו כן ודמו בשני בני אדם הן אחד נכנס ואחד יוצא וקטלינהו לכולהו השומרים ואחר כך נכנס ר׳ יהושע: ינוקי מלעיל. בעליה לכרע נתכוונו שהנותן שלום לעליונים תחלה הורגין אותו החשובים ואמרו אנו הזקנים ולא היה לך ליתן שלום לבחורים תחלה והנותן שלום לזקנים הורגין אותו הבחורים ואומרים כלא כלאיתנו חשובים מהם שאנחנו למעלה והם למטה: מאי עבידתיך. מאי בעית הכא: אי הכי

שטעלין דאס בינטול שטעקלאך אויף דיא ערד אזוי וויא איינער וואס שטעלט זיך אפ רוהען. וועל איך שוין וויסען וואו זייא וואהנען. דער נאך וועסטו גיין צוריק אהיים מיט די שטעקלאך. האט דער קצב אזוי גיטאהן. איז רבי יהושע גיגאנגען צו זייער טיר אריין צו גיין. האט ער גיטראפען מענטשין שטייען אינווייניג נעבן דיא טיר אונ לאזין קיינעם ניט אריין גיין פון דיא גאס אונ מענטשין שטייען אויס ווייניג נעבין דיא טיר אונ לאזין קיינעם ניט ארויס גיין פון אינווייניג. קיינער פון דיא אלטע לייט האט ניט גיטארט ארויס גיין. אונ אויף דיא שוועל וואו מען גייט אריין איז גיוועזן גישאטען אש אונ מען האט אויף די אש דער קענט יעדער מענטשינס טריט אויב איינער איז ארויס גיגאנגען אדער אריין גיגאנגען. אז זייא האבען גיזעהן אויף דיא אש טריט מען איז אריין גיגאנגען. האבען דיא אלטע לייט גיהרגת דיא היטערס פון אויס ווייניג. פאר וואס זייא האבען גילאזט אריין גיין. אונ אז זייא האבען גיזעהן אויף די אש טריט מען איז ארויס גיגאנגען האבען דיא אלטע לייט גיהרגת דיא היטערס פון אינווייניג פאר וואס זייא האבען גילאזט ארויס גיין. האט רבי יהושע פאר דרייט זיינע שיך דעם פארינט אויף אינטען. אונ האט זיך גישטעלט אויף דיא שוועל. האבען איהר די אינווייניגסטע היטערס ניט אריין גילאזט. איז ער ארפ פון דיא שוועל, ווייל דיא שיך זענען גיוועזן פאר דרייט. האבען דיא טריט אויס גיזעהן וויא מען איז ארויס גיגאנגען פון אינווייניג. האבען דיא אלטע לייט גיהרגת דיא אינווייניגסטע היטערס. אונ מען האט זוריק גלייך געמאכט דיא אש. דער נאך האט רבי יהושע אויס גידרייכט דיא שיך אונ האט זיך נאך אמאהל גישטעלט אויף דיא שוועל. האבען דיא אלטע לייט געמיינט אז איינער איז אריין גיגאנגען. האבען זייא גיהרגת דיא אויס ווייניגסטע היטערס. וויא רבי יהושע האט גיזעהן אז דיא היטערס זענען שוין נימא איז ער אריין גיגאנגען אינווייניג. האט ער גיטראפען הויבען זיצען יונגע מענטשין אונ אונטען זיצען אלטע מענטשין. האט רבי יהושע גזאגט וויא זאל איך טאהן. וויא אזוי גיט מען זייא שלום. איך זאל פריער געבין שלום צו די יונגע ווייל זייא זיצען הייבען. וועלען מיך דיא אלטע הרגנען. זייא וועלען זאגען מיר זענען אלטע מענטשין וויא אזוי גיבסטו שלום צוא דיא יונגע פריער. איך זאל פריער געבין שלום צוא דיא אלטע וועלען מיך דיא יונגע הרגנען. זייא וועלען זאגען אז מיר זיצען הויבען אונ דיא אלטע זיצען אונטען. געווים זענען מיר גרעסערע חכמים פאר זייא. פאר וואס האבטו זייא גיגעבן פריער שלום. האט רבי יהושע גזאגט צוא זייא שלום צו אייך אלע. האבען זייא גזאגט צו רבי יהושע וואס טוהסטו דא. האט רבי יהושע צוא זייא גזאגט איך בין איינער פון דיא קלוגע יודען. אונ איך בין גיקומען לערנען פון אייך חכמה. האבען זייא גזאגט צוא רבי יהושע אויב עס איז אזוי וועלען מיר פרעגין פון דיר אזאך. האט רבי יהושע צו זייא גזאגט גוט. אויב

איר

להו לחיי אי זכיתו לי כל דבעיתו עבידו בי ואי זכינא לכו אכלו (נהמא) גבאי דידי בספינתא אמרי ליה האי גברא דאזיל בעי איתתא ולא יהבי ליה מאי חזי דאזיל להיכא דמדלי מינה שקל סיכתא דצה להתאי לא עאל דלי דצה לעיל עאל אמר האי נמי כתרמיא ליה בת מוליה. גברא דאוזיף וטריף מאי הוי דהדר אוזיף אמר להו (זיל) גברא [אזל] לאגמא קטיל קמא טונא ולא מצי ביה קטל ומנח עליה עד דמתרמי ליה אינשי דמדלי ליה אמרו ליה אימא לן מילי דכדיבי אמר להו הוה לן כודנייתא וילידה והוי תלי ליה פיתקא וכתיב ביה דמסיק בבי אבא מאה אלפא זוזי אמרו ליה וכודנייתא מי ילדה אמר להו הי נינהו מילי דכדיבי.
מילחא

פירוש. דהכימת ליגעי אגן מיוך: אי זכיתו לי. אם תנצחוני: דמידלי מינה. במיוחכת מראשונה ובואל אוהב כלא יש לו ללמוד כוחיל ולא נתנו לו ראשונה כל בכן זו: כיכתא. קניל"א: דלא להתאי. כשפיל ידו ונעלה בכותל במקום שאין תור ולא עאל: דלי דלא. הגביה ידו ונעלה במקום נקב ועאל: דאוזיף וטריף. שהלוה מעות לחברו ולא נפרע ממנו כי אם נקובי שטרף לקוחות: מאי הוי דהדר אוזיף. לאחריני ולא נתיכר מן הראשון: לאגמא. יער: קטיל קמא טונא. הורך הכילה ראשונה ולא מצי ביה להרימו על שכמו: הדר קטיל ומנח עליה. כוחיל וצריך כיוע לאחרים עד דמתרמי איכם ומדלי ליה וכאי נמי כוחיל והספיד באותה ראשונה חוזר ומאמין לאחרים עד שמזדווג לו אדם נאמן ומשתכר בו: מילי דכדיבי. דברי רוח. לית דכדיב דבר כזב: כודנתא. פרדה: תלי פיתקא. שטר כלאחרו של כולד: מי ניזו

איר ווערט מיך ביי קומען וואס איר וועט וועלען זאלט איר טאהן מיט מיר. אונ אויב איך וועל אייך ביי קומען זאלט איר עסין ביי מיר אין מיין שיף. האבען זיי גזאגט צו רבי יהושע אמענטש האט געוואלט נעמען אווייב. האט מען זיא איהם נישט געוואלט געבין ווייל זיא איז מער יחסן פאר איהם. פר וואס איז ער גיגאנגען זוכען נאך אגרעסערע יחסנטע. מען וועט דאך איהם די אנדערע געוויס ניט געבין. האט רבי יהושע גענומען אטשוואק אונ האט געוואלט אריין שלאגען אין דיא וואנט אונטען. איז דער טשוואק ניט אריין גיגאנגען. הט ער גענומען דעם טשוואק אונ האט איהם אריין גישלאגען אין דיא זעלביגע וואנט הויבען איז ער יא אריין גיגאנגען. דער מענטש האט אויך גיטראכט טאמער האט מען מיר ניט גיגעבען יענע ווייב ווייל זיא איז ניט מיין בשערטע. אבער ניט דורך איר יחוס. דריבער גייא איך זוכען מיין בשערטע. אונ וועלכע עס איז מיין בשערטע. וועט זיא מיך וועלין פאר אמאן אפילו זיא וועט זיין די גרעסטע יחסנטע:

נאך אזאך האבען די אלטע לייט גיפרעגט ביי רבי יהושע. אז אייגער האט פאר בארגט געלט צוא זיין חבר. אונ דער חבר האט ניט בצאהלט. נאר מען הט אפ גינומען פון זיינע פעלדער וואס ער האט פאר קויפט. וויא אזוי פאר בארגט דער מענטש צו דעם חבר נאך אמאהל געלט. נאך מער וויא פריער. האט רבי יהושע צוא זייא גזאגט אמענטש איז גיגאנגען אין וואלד אונ האט גיהאקט האלץ אונ האט געמאכט אבינטול. אונ ער הט געוואלט דאס בינטול אויף הייבען. האט ער ניט גיקענט. האט ער גיהאקט נאך האלץ אונ האט דם בינטול פאר גרעסערט. ווארום ער האט גיטראכט איך מוז דאך ווארטען ביז אייגער וועט קומען אונ וועט מיר העלפען אויף הייבען. אז דיא בינטול וועט זיין גרעסער וועט מיר אויך דער חבר קענען העלפען אויף הייבען. אונ ער האט טאקי גיווארט ביז זיין חבר איז געקומען אונ האט איהם גיהאלפען אויף הייבען. דא ביי דעם געלט איז אויך אזוי: ער פאר בארגט שוין איצט ניט דעם חבר דאס געלט. סיידין דער חבר האט אערב [אגוט שטייער] אונ אז דער ערב פאר זיכערט אים שוין דם געלט. מעג ער אים שוין בארגען מער אויך:

נאך האבען דיא אלטע לייט גזאגט צוא רבי יהושע זאג אונז אזעלכע זאכען וואס זענען געווים פאלש אונ זייא קענען גאר ניט זיין אמת. האט רבי יהושע צוא זייא גזאגט מיר האבען גיהאט אפרדה [אזוי אאייזיל] האט גיבארען אקינד דאס מען אויף גיהאנגען אקוויטול אויף דעם האלדז פון דעם קינד אונ אויף דעם קוויטול איז גיווען געשריבען אז ער מאנט ביי מיין פאטער הונדערט טויזענד גילדען. האבען דיא אלטע לייט גזאגט צו רבי יהושע. קען דען אפרדה האבען קינדער. האט רבי יהושע צו זייא גזאגט איר האט דאך גיוואלט איך זאל אייך זאגען וואס
ליגען

מילחא כי סריא במאי מלחי לה בסיליתא דכודנתא ומי איכא סיליתא לכודנתא ומילחא מי סריא . בני לן ביתא באוירא דעלמא אמר שם קם ותלא בין שמיא לארעא אמר להו אסיקו לי ליבני וטינא (מהתם אמרי ומי איכא דמצי לאסוקי התם אמר ומי איכא דמצי למבני ביתא בין שמיא לארעא) . אמרו ליה מציעותיה דעלמא היכא זקפה לאצבעתיה אמר להו הכא אמרו ליה מי יימר אמר איתי אשלי ומשחו . אמרו ליה אית לן בירא בדברא עיילי למתא (אייתי פארי שרא להו) א״ל איפשילו לי חבלי דפארי ואיעייליה (אמרו ליה ומי איכא דכפשל חבל מפארי אמר להו ומי איכא דמייתי בירא מדברא למתא) . אית לן ריחיא דתבירא חיטיה (שקל פיסקא מיניה שדא להו) אמר להו כרכו לי מינה גרדי ואחייטה . (אמרו ומי איכא דיכיל למכרך גרדי מריחיא . אמר להו ומי איכא דחייטי ריחיא) . מישרא דסכיני במאי קטלי ליה בקרנא דחמרא ומי איכא קרנא

מילי דכדי. אלו בן דכרי רוח : סילתא. סילוא דפאני . כובין עשו לי חבל מכובין ואם אין אתם עושים באלתי לף אני לא אעשה באגהכם : הייטה. הפור אותה : כרוכו לי גרדי מינה . הואיל ני מונה הוטין כדרך הנשים שמוגילין חוטין מן טכגד והופרים אותו בכן : גרדי . פרעש״י : מסבין דסכיני במאי קטלי לה . ערוגה סכין כמה

---

ליגען איז . דאס איז ליגען :

נאך האבען דיא אלטע לייט גיפרעגט ביי רבי יהושע צו זאלין ווערט פאר שטונקען מיט וואס זאלצט מען דיא זאלץ זיא זאל ניט אין גאנצען קאליע ווערין . האט רבי יהושע גזאגט מיט אשיליא פון אפרדה ודאס בייטיל וואס איננווייניג ליגט דאס קינד ביא דיא מוטער אין בויך , דאס הייסט שיליא . האבען דיא אלטע לייט גזאגט האט דען אפרדה אשיליא . אפרדה האט דאך ניט קיין קינדער האט זיא דאך ניט קיין שיליא . האט רבי יהושע גזאגט ווערט דען זאלץ פר שטונקען :

נאך האבען דיא אלטע לייט גזאגט צו רבי יהושע באת אונז אויף אשטוב וואס זאל שטיין אין דער לופטען . הט רבי יהושע גזאגט אשם אין גיזאגין אשטוב אונ זיא איז געבליבען איינגען אין דער לופטען צווי שען הימער אונ ערד . האט רבי יהושע צו זייא גזאגט טראגט ארויף אוז דער שטוב ציגול אונ ליים :

נאך האבען דיא אלטע לייט גיפרעגט ביי רבי יהושע וואו איז דער מיטען פון דער וועלט . הט רבי יהושע גישטעלט זיין פינגער אויף די ערד אונ ער הט גזאגט דא איז דער מיטען פון דיא וועלט . האבען דיא אלטע לייט גזאגט ווער זאגט דאס אז עס איז אמת . האט רבי יהושע גזאגט ברייננט שטריק אונ מעסט :

נאך האבען די אלטע לייט גיזאגט צו רבי יהושע מיר האבען אברונען אין פעלד ברייננ אידם אריין אין שטאט . האט רבי יהושע גיזאגט מאכט מיר שטריק פון קליען וועל איך מיט דיא שטריק אריין שלעפין דעם ברונען אין שטאט . האבען דיא אלטע גיזאגט ווער קען דאס מאכען שטריק פון קלייען . האט רבי יהושע גיזאגט אונ ווער קען דאס ברייננען אברונען פון פעלד אין שטאט :

נאך האבען די אלטע לייט גיזאגט צו רבי יהושע מיר האבען צו בראכענע מיהל שטיינער ניי צו זאמען די שטיינער . האט רבי יהושע גינומען אשטיק מיהל שטיין אונ האט גיזאגט צו זיי מאכט מיר פון דעם שטיין פאדים וועל איך מיט די פאדים צו נייען די מיהל שטיינער . האבען זיי גיזאגט ווער קען דאס מאכען פאדים פון מיהל שטיינער . האט רבי יהושע גיזאגט אונ ווער קען דאס נייען מיהל שטיינער ·

נאך האבען די אלטע לייט גיזאגט צו רבי יהושע אז איינער האט אשטיק ערד וואס אויף איהר וואקסט מעסערס . מיט וואס שנידט מען די מעסערס · האט רבי יהושע גיזאגט מיט איין האריך פון איין איזיל . האבען די אלטע גיזאגט האט דען אאיזיל אהארין · האט רבי יהושע גיזאגט איז דען דא אשטיק ערד וואס אוף איר זאל וואקסען מעסערס :

דער

גוזזין וקוצצין אותם : זוגתא . תרנגולת : והלאה
דומים . אפרוח שמת בתוך קליפתו : אחוי לן
מנא דלא שוי לחבליה : כראנו כלי שאינו שוה
הפסד שאתה מפסיד : בודיא . מחצלת : לא עייל
בהרעא . שהיה ארוך ורוחב יותר מן הפתח : אייתו
הרא : פוטיי"ר בלעז : וסתרו . בנין הפתח והכותל
עד שיכנס : אייתינהו . למיכל בספינתא הוליך
ואכלה והיה מביאן אחד אחד בפני עצמו ומכניסו
לחדר : וכי חזי שיתין ביסתרקי . סבר כל חברי
לחדר זה יבואו : א"ל . ר' יהושע : לספונא . רב
החובל : שרי ספינתך : התר ספינתך ולך :
גבי בליעי . מים שבאוקינוס שבולעין כל מים

קרנא לחמרא ומישרא דסכיני מי הויא . אייתו ליה תרתי ביעי א"ל הי זוגתא חוורתא והי זוגתא אוכמתי אייתי איהו תרי גביני א"ל הי דעיזא חוורתא והי דעיזא אוכמתי . אמרו ליה ודציצא דביה בביעתיה בהי נפקא רוחיה אמר להו בהיינו דעאיל , אמרו ליה אחוי לן מנא דלא שוי לחבליה אייתי בודיא פשטוה לא הוה עייל בהרעא אמר להו אייתי כרא כהרוה היינו מנא דלא שוי לחבליה איתינהו כל חד וחד כי חזי שיתין ביסתרקי סבר כולהי הבראי להכא אתו א"ל לספונא שרי ספינתך בהדי דאתי אייתי עפר מעפרייהו (דף ט) כי מטא לבי בליעי (אית ביה תלת צילמין חד מטי ידיה ארישא וחד מטי אליביה ובתרא דכולהו מהוי בידיה לאחוריה) שקל כווא דמיא מבי בליעי כי אתא אוקמינהו קמי קיסר וחזנהו דהוו מעני א"ל לאו

---

דער נאך האט מען גיבריינגט פאר רבי יהושע צוויי אייער . האבען די אלטע גיזאגט צו רבי יהושע ער זאל דער קענען וועלכע איי איז פון אווייסע הון און וועלכע איי איז פון אשווארצע הון : האט רבי יהושע גיבריינגט צווייא קעז און ער האט גיזאגט צו זיי דער קענט וועלכער קעז איז גימאכט פון דיא מילך פון אווייסע קאזע . און וועלכער קעז איז גימאכט פון דיא מילך פון אשווארצע קאזע :

נאך האבען דיא אלטע לייט גיזאגט צו רבי יהושע אז איונגע הינדעל איז גיפיגערט ווען זיא איז נאך גיוועזען אין דיא איי . דורך וואנען איז ארויס איהר נשמה . דיא איי איז דאך ארום פאר מאכט . האט רבי יהושע גיזאגט דורך דעם ארט וואס דיא נשמה איז אריין אין די איי . דורך דעם ארט איז די נשמה ארויס גיגאנגען פון דיא איי :

נאך האבען דיא אלטע לייט גיזאגט צו רבי יהושע וייז אונז אזוי אכלי וואס זיא איז ניט ווערט אזוי פיל וויא דער שאדין וואס זיא מאכט . האט רבי יהושע געבריינגט אראגאזע און האט איהר אויס געשפרייט אויף דיא טיר . האט זיא ניט גיקענט דורך גיין דורך דיא טיר . וארום זיא איז גיוועזען לייגער און ברייטער וויא דיא טיר . האט רבי יהושע גיזאגט מען זאל בריינגען ארידעל און מען זאל האקין אין דיא וואנט ברייטער און העכער צו מאכען די טיר . דיא ראגאזע זאל קענען דורך גיין . דיא גאנצע ראגאזע איז ניט ווערט אזוי פיל וויא דר שאדין וואס מען וועט צו האקין דיא וואנט . וויא רבי יהושע האט זייא בייא גיקומען האבען זייא גימוזט אריין גיין אין זיין שיף עסין בייא איהם אזוי וויא ער האט מיט זייא אפ גירעדט . האט רבי יהושע אריין גיבריינגט איינעם אין אשטוב . ווי דער איינער האט גיזעהן אז אין דער שטוב שטייען זעכציג שטוהלען . האט ער גימיינט אז אלע זיינע חברים וועלין אריין קומען אין דיא איינע שטוב . און אזוי האט ער אריין געפירט יעדען בזונדער אין אשטוב : און יעדער האט גימיינט אז אין דיא שטוב וועלין אלע זיצען . האט רבי יהושע גיזאגט צום שיפער בינד אפ דיא שיף פון ברעג און פאר . ווען רבי יהושע איז אריין גיגאנגען אין דיא שיף אוועק צוא פארין האט ער גיבריינגט אין דיא שיף אביסול ערד פון דיא שטאט אתונא וואס דיא אלטע לייט האבין דארט גיוואהנט . ווי די שיף איז גיקומען צום ים אוקינוס וואס זיא זאפט איין אין זיך אלע וואסערין פון דער וועלט און שפייט זייא אויס צוריק . האט ער דארט גיזעהן שטיין דריי בילדער . איינער האלט זיין האנט אויף זיין קאפ . דער אנדערער האלט זיין האנט אויף זיין הארץ . און דער דריטער ווייזט מיט זיין האנט אויף אינטען . האט רבי יהושע גינומען אקריגעל וואסער פון דעם ים אוקינוס . ווי רבי יהושע איז גיקומען צוריק פאר דעם קיסר האט ער גישטעלט די זעכציג אלטע לייט פאר דעם קיסר . האט דער קיסר גיזעהן זייא זעהן אויס

שלעכט

לאו הני אינהו שקל מעפרייהו שדא עלייהו אקשו לאפי מלכא א"ל כל דבעית עביד להו איתו הנהו מיא דאתי מבי בליעי שדנהו בתיגרא אמר להו מליוה להאי ואיזילו לכו מלו שדו ביה קמא קמא הוה קא בלע להו מלו עד דשמוט בתפידהו וכלו ואזול :

ח משנה מצות יבום קודמת למצות חליצה בראשונה שהיו מתכוונין לשם מצוה ועכשיו שאין מתכוונין לשם מצוה אמרו מצות חליצה קודמת למצות יבום :

במפלין בו ומכניסין אותו עד הכוס ושולטות אותן והיינו דכתיב וכיס אינו מלא : דכוו מטש . מטונים ובפלים לפי בלא כיו נאגלס : אקבו . כשיון פניכס ודברו קבוס את המלך כשבריהו את ריש הרגב והיו סבורים להיות קרוב נאגלס . בתיגרא . בכלי . נ"א בתיגרא בחביה : דשמוט כתפייהו . במטו פרקי בכתפ : וכלו ואזול . כלו והלכו להבדון : עכשיו מצוה חליצה קודמת . בהמייבס את יבמתו בלא לשם מצוה פוגע בהיכור אשת אח : מכ"מ. דאין נוטלין שכר על בהאה וס"ס פילפד :

## עד כמה פרק רביעי

(דף כט) א משנה הנוטל שכר לדון דיניו בטלים וכו' : גמ' מנה"מ א"ר יהודה אמר רב דאמר קרא (דברים ד) ראה למדתי אתכם וגו' מה אני בחנם אף אתם בחנם

---

שקעכט . אפ גימאנערט אונטוטהיג , האט דער קיסר גיזאגט צו רבי יהושע דאס מוזען גאר גיט זיין דיא אלטע חכמים פון אתונא . רוא האסט מיר גיברייננט אנדערע מענטשין אונ דוא נארסט מיך . האט רבי יהושע גינומען אביסול ערד פון דיא אתונאר ערד וואס ער האט מיט געבריינגט אין דיא שיף . אונ האט דיא ערד צרויף גיווארפען אויף דיא אלטע לייט . ווי די אלטע לייט האבען דער שמעקט דעם ריח פון זייער ערד . האבען זייא גימיינט זייא זענען נאנט צו זייער לאנד . זענען זייא פריש גיווארען . אונ האבען אן גיהויבען ריידען מיט דעם קיסר הארטע רייד אונ מיט העזה . האט דער קיסר גיזאגט צו רבי יהושע וואס דוא ווילסט טוה מיט זיא . האט רבי יהושע גיברייננט דיא וואסער וואס ער האט אן גישעפט אין ים אוקינוס . אונ האט זייא אריין גיגאסין אין אפאס . אונ ער האט גיזאגט צו דיא אלטע לייט אז איהר וועט אן גיסען דיא פאס פול וועט איהר מעגין גיין אין אייער לאנד . האבען זייא גישעפט אונ גיגאסין אין פאס . יעדער ביסול וואס זייא האבען אריין גיגאסין אין פאס . איז איין גיזאפט גיווארען אין דיא פאס . אונ דיא פאס האט ניט גיקענט פול ווערין . זיי האבען אזוי לאנג גישעפט אונ גיגאסין ביז זייערע אקסלען זענען אפגעריסען גיווארען . אונ זייא זענען פארלענדט גיווארען אונ גישטארבען :

ח משנה . מצות . דער דין איז אז עס זענען דא צוויא ברידער אונ איינער שטארבט אן קינדער . דארף דער ברודער חתונה האבען מיט דעם גישטארבענעם ברודערס ווייב ודאס הייסט מיבם זיין . אונ אויב ער וויל ניט חתונה האבען מיט איהר . זאל ער איר געבין חליצה . זאגט דיא משנה מער מצוה איז ער זאל מיט איהר חתונה האבען . נאר אויב ער וויל ניט חתונה האבען מיט איהר . זאל ער איהר געבין חליצה . דאס איז נאר גיוועזן פאר צייטין ואס ער האט חתונה גיהאט מיט זיין גישטארבענעם ברודערס ווייב . נאר פון מצוה וועגין . אבער היינט אז מען איז ניט אזוי פרום . קען זיין ער האט מיט איהר חתונה ווייל זיא איז שיין . אדער ווייל ער וויל ירשען זיין ברודערס פארמעגין . אונ ער מיינט נאר ניט דיא מצוה . אונ אז מען מיינט ניט פון וועגין מצוה קומט כרת . דריבער האט מען גיזאגט מער מצוה איז ער זאל איהר געבין חליצה אונ זאל ניט מיבם זיין .

## פרק רביעי

א משנה . הנוטל . דער דיין וואס נעמט געלט פאר וואס ער משפט . איז זיין פסק דין גאר ניכט . זאגט דיא גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז עס איז אזוי . האט רב יהודה גיזאגט פון רבס וועגין ווארום עס שטייט אין פסוק משה האט גיזאגט צו דיא יודען ווערט אז

איך

בחנם תנ"ה כאשר צוני ה' אלהי מה אני בחנם אף אתם בחנם מניין שאם לא מצא בחנם שילמד בשכר ת"ל (משלי כג) אמת קנה (ואל תמכור) ומנין שלא יאמר כשם שלמדתיה בשכר כך אלמדנה בשכר ת"ל אמת קנה ואל תמכור:

(דף ל ע"ב) **ב** **ת"ר** הבא לקבל דברי חברות אם ראינוהו שנוהג בצינעא בתוך ביתו מקבלין אותו מיד ואח"כ מלמדין אותו ואם לאו מלמדין אותו ואח"כ מקבלין אותו רשב"י אומר בין כך ובין כך מקבלין אותו והוא לומד כדרכו והולך:

(דף לא) **ג** **ת"ר** בראשונה היו אומרים חבר ונעשה גבאי דוחין אותו מחברותו פירש אין מקבלין אותו חזרו לומר פירש הרי הוא ככל אדם. רב הונא בר חייא איצטריכא ליה שעתא הוה קא עייל גביה רבה ורב יוסף ות' זוגי דרבנן שמע דקא אתו קטור להו ת' תכתקי לסוף שמעו דנעשה גבאי שלחו ליה יזיל ליה לתשיבותיה יזיל ליה לקרמותיה

פירוש

אמת. תורה:

שנוהג בצנעא. קודם דקבל כבר היה נוהג עליו דין חברים בצנעא שאין לחשדו ולומר לפנים הוא עושה: מקבלין אותו. במחזיקו כחבר ונאמן לכל דבריו:

גבאי. ממונה לגבות מס מישראל: פירש. מן הגבאות: איצטריכא ליה שעתא. שהיו צריכים חכמים לשאול ממנו הלכות: קטר להו. קשר ותיקן להם: ת' תכתקי. כסאות: יזיל

---

איך האב אייך געלערנט חקים אונ משפטים. אזוי ווי איך האב מיט אייך געלערנט אומזיסט אזוי זאלט איהר אויך לערנען מיט אנדערע אומזיסט: מיר האבען אויך אזוי געלערנט משה הט געזאגט צו דיא יודען איך האב מיט אייך געלערנט תורה אזוי וויא גאט האט מיך געבאטין. אזוי וויא איך האב מיט אייך געלערנט אומזיסט. אזוי זאלט איהר אויך לערנען מיט אנדערע אומזיסט. פון וואנען ווייסען מיר אז ער געפינט ניט ווער עס זאל מיט איהם לערנען אומזיסט. מז ער בצאהלין מען זאל מיט איהם לערנען. שטייט אין פסוק אמת זאלסטו קויפען וריא תורה ווערט גערופען אמת. וויל עס איז ניטא קיין אמתרה זאך וויא דיא תורה איז. אונ פון וואנען ווייסען מיר אז אמענטש זאל ניט זאגין אזוי וויא איך האב בצאהלט געלט פאר מיין תורה לערנען. אזוי וועל איך אויך אנדערש ניט לערנען תורה מיט אנדערע סידען מען וועט מיר בצאהלין. שטייט אין פסוק אמת זאלסטו קויפען. אבער דוא זאלסט ניט פאר קויפען:

**ב** תנו רבנן. די רבנן האבען געלערנט אז איין עם הארץ וויל זיך אנהייבין צו פירען אזוי וויא אחבר. אויב מיר האבען געזעהן אז אפילו ביי זיך אין שטוב אין דער שטיל פירט ער זיך אויך אזוי וויא אחבר. נעמט מען אים באלד צו די לומדים. אונ דער נאך לערנט מען מיט איהם אלע דינים. אונ אויב מען האט ניט געזעהן פון איהם ער זאל זיך פירען אין שטוב וויא אחבר. לערנט מען מיט איהם פריער דיא דינים. דער נאך נעמט מען איהם צו דיא לומדים. רבי שמעון בן יוחאי זאגט סיי אזוי אונ סיי אזוי. דער וואס וויל זיך נאר פירען וויא אחבר. נעמט מען איהם באלד צו דיא לומדים. אונ ער לערנט ביסלאכווייז אלע דינים:

**ג** תנו רבנן. דיא רבנן האבען געלערנט פריער אין אנהייב פלעגט מען זאגין אז אחבר איז געווארען אגבאי וצו מאנען פאדאטקעס פון יודען. שטויסט מען איהם ארויס פון די לומדים. אונ אז ער האט זיך צפ געשיידט פון זיינע גבאות נעמט מען איהם ניט צוריק צו די לומדים. דער נאך האט מען געזאגט אז ער שיידט זיך אפ פון די גבאות. איז ער אזוי ווי אלע אנדערע יודען אונ מען נעמט איהם צוריק צו דיא לומדים. דיא רבנן האבען אמאהל געדארפט קומען צו רב הונא בר חייא פרעגין בייא איהם דינים. איז געגאנגען רבה אונ רב יוסף אונ פיר הונדערט פאר רבנן. וויא רב הונא האט געהערט אז די רבנן קומען צו איהם. הט ער אנגעגרייט פון זייערט וועגין פיר הונדערט שטולען. אין וועג וויא זיי זענען געגאנגען האבען זיי געהערט זאגין אז רב הונא איז געווארען אגבאי צו מאנען פאדאטקעס. האבען דיא רבנן געשיקט צו רב הונא ער זאל גיין צו זיין גרויסקייט וואס ער האט אויס דערוויילט. ער זאל גיין צוא דיא גרויסקייט וואס ער איז פריער געווען. צו זיינע גבאות. האט רב הונא געשיקט צו די רבנן

לקדמותיה שלח להו הדרי בי רב יוסף לא אול רבה אול רב יוסף אמר הנינא פירש אין מקבלין אותו רבה אמר תנינא חזרו לומר פירש הרי הוא ככל אדם :

לקדמותיה. לאו לתשובתו אמר כשימוס שנגמר לו להיות מוכס ולא לא נך אלא : הדרי בי . מגנבות :

# כל פסולי פרק חמישי

(ע"ג) **א** (רב בר אידי) [ר' אידי] טרסיה דרב ששת הוה שמע מיניה אזל אמרה בי מדרשא ולא אמרה משמיה שמע רב ששת איקפד אמר מאן עקץ לעקציה עקרבא ורב ששת מאי נפקא ליה מיניה דאמר רב יהודה אמר רב מ"ד (תהלים סא) אגורה באהלך עולמים וכי אפשר לו לאדם לדור בשני עולמים אלא אמר דוד לפני הקב"ה רבש"ע יהי רצון שיאמרו דבר שמועה מפי בעה"ז דא"ר יוחנן משום ר"ש בן יוחאי כל ת"ח שאומרים דבר שמועה מפיו בעוה"ז שפתותיו דובבות בקבר וא"ר יצחק בר זעירי מאי קראה (שה"ש ז) וחכך כיין הטוב הולך לדודי למישרים דובב שפתי ישנים ככומר של ענבים מה כומר של ענבים כיון שאדם נוגע בו דובב אף תלמידי חכמים כיון שאומרים דבר שמועה מפיו בעולם הזה שפתותיו דובבות

טרסיה. שמעיה: אמרה בבי מדרשא . לכאי פירוקא דלאמר בגמרא לעיל : מאן עקץ . מי הוא שעקצני והכני שלא אמרה משמי : לעקציה עקרבא. במחלה : דובבות . נעות וכאלו הוא לו בדומה כתי: כומר ענבים. שאכסן בכלי אחד ג' או ח' ימים כדי שידחקו ויתבשלו :

---

איך האב תשובה איך וועל שוין מער ניט זיין קיין גבאי. רב יוסף האט שוין ניט געוואלט גיין צו רב הונא. רבה איז געגאנגען צו רב הונא. רב יוסף האט געזאגט מיר האבען געלערנט אפילו ער שיידט זיך אפ פון דיא גבאות נעמט מען איהם ניט צו די לוקחים. רבה זאגט מיר האבין געלערנט דער נאך האט מען געזאגט אז ער שיידט זיך אפ פון די גבאות איז ער צוריק אזוי ווי אלע מענטשין ;

## פרק חמישי

**א** רב אידי איז געוועזן דער בדינער פון רב ששת. וועלכע זאך רב אידי האט געהערט פון רב ששת איז ער געקומען אין בית המדרש אונ האט דאס געזאגט פאר די רבנן. אונ ער האט ניט געזאגט אז דיא תורה האט ער געהערט פון רב ששת. נאר עס האט אויס געזעהן אזוי ווי ער אליין האט בעגייעט דעם דין פון זיין שכל. ווי רב ששת האט דאס געהערט איז ער אין כעס געווארען. אונ ער האט געזאגט ווער מיך האט געביסען, זאל איהם ביסען אשלאנג ; פרעגט די גמרא וואס הארט דען רב ששת אז רב אידי האט ניט געזאגט דיא תורה אין זיין נאמען. ענטפערט די גמרא ווארום רב יהודה האט געזאגט פון רבס וועגין עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט געזאגט איך וועל וואוהנען אין דיין געצעלט אין ביידע וועלטין. קען דען איין מענטש וואוהנען אין ביידע וועלטין מיט איין מאהל. ווען דער מענטש לעבט אויף דער וועלט איז ער ניט אויף יענער וועלט. אונ נאך זיין טויט ווען ער איז אויף יענער וועלט. לעבט ער שוין ניט אויף דער וועלט. נאר אזוי האט דוד געזאגט פאר גאט. רבונו של עולם עס זאל זיין דער ווילען מען זאל זאגין תורה פון מיינעטוועגין וואס איך האב זייא בעגייטו אויף דר וועלט. ווארום רבי יוחנן האט געזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין דער תלמיד חכם וואס איז געשטארבין אונ מען זאגט תורה פון זיינעטוועגין אויף דער וועלט. ריידען זיינע לעפצין אין קבר. אונ ער האט אזוי אפארגעניגען גלייך ווי ער וואלט געלעבט. לעבט ער אויף ביידע וועלטין מיט איין מאהל. רבי יצחק בר זעירי זאגט דאס ווייסען מיר פון דעם פסוק דיין גומען איז אזוי ווי גוטער וויין ער גייט צו מיין פריינד צו גלייכקייט ער מאכט ריידען דיא לעפצין פון דיא שלאפערינע. דיא תורה איז אזוי ווי אכלי מיט ווייטרויבין. אזוי ווי די כלי מיט וויין טרויבין אז א מענטש רירט נאר אן די ווייטרויבין. אונ דיא וויין הויבט אן ארויס צו גיין. רוישט דאס אז מען הערט אשטילע שטימע. אזוי תלמידי חכמים וואס זענען געשטארבען אז מען

דובבית בקבר:

(דף לה ע"ב) **ב** א"ל רב פפא לאביי לר"מ דאמר החשוד על הדבר לא דנו ולא מעידו וקאמר ר"מ החשוד על דבר אחד חשוד לכל התורה כולה כהני ה"נ דלא דייני דינא והכתיב (דברים כא) ועל פיהם יהיה כל ריב וכל נגע אימר דאמר ר"מ לחששא לאחזוקינהו מי אמר:

(דף לו) **ג** רבי צדוק הוה ליה ההוא בוכרא רמא ליה שערי בסלי נצרים כיילי ערבה קלופה בהדי דקא אכיל איבזעאי שפותיה אתא לקמיה דר' יהושע. אמר ליה כלום הלקנו בין חבר לע"ה א"ל ר' יהושע הן בא לפני ר"ג אמר לו לאו והלא ר' יהושע אמר

בחשוד על דבר. כהנים חשודים על הבכורות: לאחזוקינהו. בחשודים: מי אמר. ר"מ חשוד לדבר א' חשוד לכל התורה כולה היכא דמוחזק לן דעובר על דבר אחד:

כלום חלקנו בין חבר לכהן עם הארץ ומי הימנת לכהן לאימורי ביה מום בכוונה ככהן עם

---

מען זאגט תורה פון זייערטוועגן וואס זיי האבין בעניינו אליין אויף דער וועלט. רידין זייערע ליפצין אין קבר:

**ב** אמר. רב פפא האט געזאגט צו אביי נאך רבי מאיר וואס ער זאגט דער מענטש וואס מען איז איהם חושד אויף אזאך. טאר ער ניט זיין א דיין און ניט אעדות אויף דער זאך. און נאך האט רבי מאיר געזאגט דער מענטש וואס מען איז איהם חושד אויף איין עבירה. דארף מען איהם שוין חושד זיין אויף דיא גאנצע תורה. איז דאך דיא קשיא דיא כהנים איז מען דאך חושד אז זייא מאכען פעלערס אין דיא בכורים וואס דאס טאר מען ניטו דארף מען דאך די כהנים חושד זיין אויף דיא גאנצע תורה. דארפען דאך דיא כהנים ניט טארין זיין דיינים. און אין פסוק שטייט דורך דיא כהנים זאל גיפסקת ווערין אלע דינים פון קריג און דיא דינים פון נגעים. ענטפערט דיא גמרא אזוי האט רבי מאיר געזאגט אז מען זעהט איינער האט גיטאהן אעבירה. איז מען איהם שוין חושד אויף די גאנצע תורה. אבער אז מען האט ניט גיזעהן פון איהם אעבירה. נאר מען איז איהם חושד אויף אעבירה. איז ער נאך ניט אין חשד אויף דיא גאנצע תורה. און דיא כהנים זענען נאר אין חשד טאמער מאכען זייא אפעלער אין דעם בכור. אבער מען האט נאך ניט גיזעהן אז ער האט גימאכט אפעלער ודער דין איז אישראל וואס האט אבהמה דיא ערשטע קאלב אזכר וואס ווערט גיבארען הייסט אבכור און מען מוז איהם אוועק געבין צום כהן: און ווען דער בית המקדש איז גיוועזן האט דער כהן גיבריינגט דיא קאלב אין דער עזרה און מען האט איהם גישאכטען און דיא בלוט האט מען גישפריצט אויף דעם מזבח און דיא חלב האט מען פאר ברענט אויף דעם מזבח. און די פלייש האט גיגעסען דער כהן מיט זיין ווייב און קינדער. און אז דער מזבח איז ניטא מוז דער כהן אדעווען דעם בכור אזוי לאנג ביז ער וועט בעקומען אפעלער וועט ער איהם שעכטין און עסין. און ווייל עס קען אמאל דאערין יאהרין לאנג ביז דער בכור זאל בעקומען אפעלער: און דעם כהן איז שווער ער זאל איהם אזוי לאנג אדעווין. דריבער איז מען חושד דעם כהן אז ער וועט מאכען אפעלער אין דעם בכור און ער וועט זאגען דער פעלער איז אליין גיווארין:

**ג** רבי צדוק האט גיהאט אבכור. האט ער אריין גישאטען גערשטין אין אקארב גיפלאכטען פון ווייסע ריטער. דער בכור זאל עסין דיא גערשטין וואס אין קארב. וויא דער בכור האט אריין גישטעקט דעם קאפ אין קארב צו עסין די גערשטין. האבען די ריטער צו שפאלטען דיא לעפצין פון דעם בכור. און דאס איז שוין אפעלער. איז רבי צדוק גיקומען פאר רבי יהושע און האט גיפרעגט ביי איהם אויב מען האט אפ גיטיילט דעם לכהן פון דעם עם הארץ. אז אכהן עם הארץ קומט און זאגט זיין בכור האט בעקומען אפעלער פון זיך אליין. טאר ער ניט שעכטין דעם בכור ווארום מען גלויבט איהם ניט: טאמער האט ער גימאכט דעם פעלער. אבער אז אכהן אלמדן זאגט דער פעלער איז גיווארין פון זיך אליין גלויבט מען איהם: דארף מען מיר אויך גלויבען אז דער פעלער איז אליין גיווארין. מעג איך שעכטין דעם בכור

אונ

אמר לי הן א"ל המתן עד שיכנסו בעלי תריסין לבית המדרש כיון שנכנסו בעלי תריסין לבית המד"ש עמד השואל ושאל כלום חלקנו בין חבר לע"הא"ל ר' יהושע לאו א"ל ר"ג והלא משמך אמרו לי הן יהושע עמ"ד על רגליך ויעידו בך עמד ר' יהושע על רגליו ואמר היאך אעשה אלמלא אני חי והוא מת יכול החי להכחיש את המת עכשיו שאני חי והוא חי ה אך יכול החי להכחיש את החי היה ר"ג יושב ודורש ור' יהושע עומד על רגליו עד שרננו כל העם ואמרו לחוצפית המתורגמן עמוד ועמד

הא"ן יין. חלקו ולא תסדת: בעלי תריסין. מגינים תלמידי חכמים הנלחמים במלחמתה של תורה ובערוך פי' כמשמעו במלכי יון מפקידים על כותלי ישראל לעזור היון וכו' ע"ש וכן משמע בפי' תפלת השחר שאמר דלא לוי עבדי ר"ג ונלצרו רבנן: היאך אעשה. איני יכול להכחישו: אלמלא אני חי והוא מת. הייתי יכול להכחישו ולומר לא אמרתי: היאך יכול החי להכחיש החי. ואני כן אמרתי ותוזרני בי: עמוד. בחוץ:

## על אלו מומין פרק ששי

(דף לח ע"ב) **א פיסקא** איזהו תבלול לבן הפוסק את הסירה וכו'. ר' יוסי אומר לבן נכנס בשחור הרי זה מום שחור נכנס בלבן אינו מום שאין מומין

---

און עסן. האט רבי יהושע געזאגט עס איז אזוי מען האט אפ גיטיילט דעם לחם פון דעם עם הארץ. מענטשו שעכטין זיין בכור און עסן. דער נאך איז רבי צדוק געקומען פאר רבן גמליאל פרעגין אויב ער מעג שעכטין דעם בכור. האט רבן גמליאל געזאגט ניין. ער טאר ניט שעכטין דעם בכור. האט רבי צדוק געזאגט רבי יהושע האט דאך מיר געזאגט אז איך מעג שעכטין דעם בכור. האט רבן גמליאל געזאגט צו רבי צדוק ווארט ביז די חכמים וועלען קומען אין בית המדרש. ווי די חכמים זענען אריין געגאנגען אין בית המדרש. האט רבי צדוק זיך גישטעלט פרעגין האט מען אפ גיטיילט דעם לחם פון דעם עם הארץ. אדער ניין. זאגען מיר זאגען אז דער לחם איז בגלייבט צו זאגען אז דער פעלער איז אליין גיווארין. און דער עם הארץ איז ניט בגלויבט. אדער זיי זענען ביידע ניט בגלויבט. האט רבי יהושע געזאגט מען האט ניט אפ גיטיילט דעם לחם פון דעם עם הארץ. נאר זיי זענען ביידע ניט בגלויבט. הט רבן גמליאל געזאגט צו רבי יהושע מען האט דאך מיר געזאגט פון דיינעט וועגין אז דוא זאגסט מען האט יא אפ גיטיילט דעם לחם פון דעם עם הארץ. יהושע שטעל דיך אויף דיינע פיס וועט מען אויף דיר עדות זאגען אז דוא האסט געזאגט מען האט יא אפ גיטיילט דעם לחם פון דעם עם הארץ. האט רבי יהושע זיך גישטעלט אויף זיינע פיס און הט געזאגט ווי זאל איך טאהן. ווען איך וואלט לעבין און רבי צדוק וואלט גיוועזן גישטארבען. אלעבעדיגער קען אפ לייקענען דעם טויטען. וואלט איך זאגען איך האב אזוי ניט געזאגט ווי רבי צדוק זאגט פון מיינעט וועגין. אבער איצט אז איך לעב און רבי צדוק לעבט ווי אזוי קען אלעבעדיגער אפ לייקענען אלעבעדיגען. מוז איך מודה זיין אז איך האב טאקי אזוי געזאגט. אז מען האט אפ גיטיילט דעם לחם פון דעם עם הארץ. און איצט האב איך חרטה און זאג מען האט ניט אפ גיטיילט דעם לחם פון דעם עם הארץ. רבן גמליאל איז געזעסן און גידרשת. און רבי יהושע איז גישטאנען אויף זיינע פיס. ביז דס פאלק האט אן גיהויבען צו שרייען און האבען געזאגט צום מתורגמן רבי חוצפית שוייג שטיל איז ער שטיל געווארין.

## פרק ששי

**א** פיסקא. איזהו תבלול. וואס מיינט מען תבלול. זאגט די גמרא אז עס גייט ארויס אזוי ווי אווייסער שנירול פון דעם שווארצעל ביז אין דעם ווייסעל און דער שנירול האקט איבער דאס רעדעלע וואס ארום דעם שווארציל. רבי יוסי זאגט אז דס ווייסעל גייט אריין אין שווארציל איז דס שווארציל קאהלע געווארין איז אפעלער. און אז דאס שווארציל גייט אריין אין

מומין בלבן אמר רב מאי טעמא דרבי יוסי דכתיב (תהלים עג) יצא מחלב עינמו תרבא דעינא איקרי עינמו סתמא לא איקרי:

## מומין אלו פרק שביעי

(דף מד) **א אמר** רב מרע"ה עשר אמות היה שנא' (שמות לט) ויפרוש את האהל על המשכן מי פירשו מרע"ה פירשו וכתיב (שם כו) עשר אמות ארך הקרש א"ל רב שימי בר חייא לרב א"כ עשיתו למשה בעל מום דתנן גופו גדול מאבריו או קטן מאבריו א"ל רב שימי באמה של קרש קאמרינן:

(ע"ב) **ב תניא** משתינין מים בפני רבים ואין שותין מים בפני רבים ומעשה באחד שבקש להשתין מים ולא השתין ונמצא כריסו צבה. שמואל איצטריכא ליה בשבתא דריגלא נגדו ליה גלימא אתא א"ל לאבוה א"ל איתיב לך ארבע מאות זוזי וזיל הדר עוברא למאריה

יצא עינמו. יצא רבא לפרבות רשה מ׳וב מומן שבעינו ושומן כעין נגבן הוא:
עשר אמות. קס"ד באמה שלו: בעל מום. דגופו גדול מאבריו דהא כל אדם אין גופו אלא ג' אמות באמתו: באמה של קרש קאמינא. דסיינו עשר אמה באמה של קרשים דאורך הקרשים לא נמדד באמתו של משה ושה דאמריק בפ"ק דנצויל אמת יתירה על של משה חצי אצבע לאו בשל משה ממש קאמר דהאי של משה היתה יתירה מאד על אותה של קרש שתקן משה:
ואין שותין מים. דדרך ת"ח להיות צנוע באכילה ובהיה אבל להשתין מים לא ניהוי צנוע פלס ימהין יסכן: אצטריכא ליה. להטיל מים: בשבתא דריגלא. כ' יום קודם הרגל דשואלין ודורשין בהלכות הרגל כדאמרינן במגילה: נגדו ליה גלימא. פרכו סדין בינו לבין העם: הדר עובדא למאריה.

---

אין דעם ווייסעל איז דאס ווייסיל האליע געווארין איז ניט קיין פעלער. ווארום ביא דעם ווייסעל איז ניטא קיין פעלער. רב זאגט פון וואנען ווייס רבי יוסי אז ביי די ווייסעל איז ניטא קיין פעלער. ווארום עס שטייט אין פסוק עס איז ארויס גיגאנגען פון פעטס זיין אויג. די ווייסיל ווערט גירופען די פעטס פון דעם אויג. אבער זי ווערט ניט גירופען די אויג. ווארום די אויג איז נאר די שווארציל:

## פרק שביעי

**א** אמר. רב האט גיזאגט משה רבינו איז גיוועזן הויך צעהן איילין. ווארום עס שטייט אין פסוק ער האט פאר שפרייט דעם גיצעלט (די יריעות) אויף דעם משכן. ווער האט פאר שפרייט. משה רבינו האט פאר שפרייט. אונ עס שטייט אין פסוק צעהן איילין איז גיוועזן דיא לייג פון אברעט. איז דאך דער משכן גיוועזן הויך צעהן איילין. אונ אז משה האט גיקענט פאר שפרייטען דיא יריעות אויף דעם משכן איז ער דאך הויך גיוועזן געווס צעהן איילען. הט רב שימי בר חייא גיזאגט צו רב אויב אזוי האסטו דאך גימאכט משהן פאר אפעער האפטען מענטש. ווארום עס קומט אויס אז זיין גוף איז גיוועזן גרעסער וויא זיינע העגט. אונ מיר האבען גילערונט אז דער קערפער פון אמענטש איז גרעסער וויא זיינע גלידער ודמשר ער איז אהויבער מענטש אונ האט קליינע הענט אדער קליינע פיס. אדער ער איז קלענער וויא זיינע גלידער ווער איז אנידעריגער מענטש אונ האט לאנגע הענט אונ לאנגע פיס איז דאס אפעלער. האט רב גיזאגט צו רב שימי מיר שמועסין פון דיא איילין וואס מען האט מיט זייא גימאסטען דיא ברעטער. אזעלכע צעהן איילין איז משה הויך גיוועזן. זענען גיוועזן זיינע הענט אונ פיס גרויס נאך דיא הייך פון זיין גוף:

**ב** תניא. מיר האבען גילערונט אז איינער שטייט מיט מענטשין אונ ער וויל משתין זיין אונ ער האט ניט קיין ארט וואו. מעג ער משתין זיין פאר דיא מענטשין: ווארום עס איז אסכנה אויף צו האלטען די השתנה. אונ אז מען וויל טרינקען זאל מען גיין אן אזייט. ניט פר מענטשין. עס האט אמאהל גיטראפען ביי איינעם וואס ער האט גיוואלט משתין זיין אונ האט ניט משתין גיוועזן איז אים דער בויך גישוואלען גיווארען. שמואל האט אמאהל גזאגט אדרשה דעם שבת וואס פר יום טוב: אין מיטען דער דרשה האט ער גידארפט משתין זיין. הט מען

פאר

למאריה את אפשר לך דלא אפשר ליה מסתכן . מר בר רב אשי איצטריך אגודא דגבלא אישתין אברי ליה חמתך קא אתיא אמר להו באודנה והיפוק ליה משום עלוקה בשותת . ת״ר ב׳ נקבים יש בו באדם אחד מוציא מים ואחד מוציא זרע ואין בין זה לזה אלא כקליפת השום בשעה שאדם נצרך (ומשתין) אם נקבו זה לתוך זה נעשה עקר אר״ש בן לקיש מ״ד (דברים ז) לא יהיה בך עקר ועקרה ובבהמתך אימתי לא יהיה בך עקר בזמן שבבהמתך אריב״ל לא יהיה בך עקר שלא יהיה בך עקור מן התלמידים עקרה שלא תהא תפלתך עקורה לפני המקום ואימתי בזמן שאתה משים עצמך כבהמה:

התנן

דהוה אסור להמתין להטיל מים עד שיהא לו ניעות : את הוא דאיפשר לך . לפרוש סדין במקום אחר ולי איצטריך הינם להגינא דלא איפשר ליה ימתין עד שילכו העם ויסתכן ויהא עקר : חמתך. חמותך : באודנה . אפי׳ בתוך אזני הייתי מטיל מים אם לא היה לי מקום אחר קודם שאמתין וכ״ש בפניה : והיפוק ליה משום עלוקה . דקתני לעיל בביקה לשתין ולא השתין ונמצא נעשה נכה ממאי דמשום המתנה ה״ל דילמא עלוקה בתה בקורין שבוא״ה לפיכך נכה כריסו : בשותת . שאינו יכול להטיל מים יפה לאחר כן אלא בותח טיפין טיפין דודאי מחמת עכוב שתן הוה ליה : בזמן שבבהמתך. שהשים עצמך כבהמה שלא תהא נוגע בהטלת מים : שלא תהא הפלתך עקורה וכו׳ . כשתפלל על בניך תהא כשמעת תפלתך : כבהמה . שלא תמתין מלהטיל מים :

---

פאר צוּגְעַן אַלֵיילַאךְ צְווִישֶׁען אִים אוּנ דָאס פָּאלְק אוּנ עֶר הָאט מַשְׁתִּין גִיוֶועֶן . נָאךְ דֶער דְרָשָׁה הָאט שְׁמוּאֵל דֶער צֵיילְט זַיין פָאטֶער וָואס אִיהם הָאט גִיטְרָאפֶען ; הָאט דֶער פָאטֶער גְזָאגְט צוּ שְׁמוּאֵל אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבִּין פִיר הוּנְדֶערְט גִילְדֶען . אוּנ גֵייא זָאג אִין דַיין דְרָשָׁה אַז אֵיינֶער ווייל מַשְׁתִּין זַיין זָאל עֶר נִיט וַוארְטֶען בִּיז עֶר וֶועט זַיין פַאר שְׁטֶעלְט פוּן מֶענְטְשֶׁין . נָאר וואו עֶר שְׁטֵייט דָארְט זָאל עֶר מַשְׁתִּין זַיין . וָוארוּם דוּא הָאסְט גִיקֶענְט הֵייסֶען מֶען זָאל פַאר אֵיינֶען מִיט אַלֵיילַאךְ . אָבֶער אַיין אַנְדֶערֶער וָואס קֶען נִיט הֵייסֶען מֶען זָאל פַאר אֵיינֶען אוּנ עֶר וֶועט מֵיינֶען אַז מֶען מוּז זַיין פאר שְׁטֶעלְט . וֶועט עֶר דֶער ווייל נִיט מַשְׁתִּין זַיין אוּנ עֶר וֶועט זַיין אִין סַכָּנָה . דְרִיבֶּער זָאלְסְטוּ זָאגֶען פַאר אַלֶע מֶענְטְשֶׁין אַז מֶען דַארְף נִיט זַיין פַר שְׁטֶעלְט . מַר בַּר רַב אַשִׁי אִיז גִישְׁטַאנֶען בַּייא אַבְּרִיק אוּנ הָאט מַשְׁתִּין גִיוֶועֶן . הָאט מֶען גְזָאגְט צוּ אִיהם דַיין שְׁוֶוועגֶער גֵייט . הָאט עֶר גְזָאגְט וֶוען אִיךְ זָאל נִיט הָאבֶּען קֵיין אַנְדֶער אָרְט מַשְׁתִּין צוּא זַיין נָאר בַּיי אִיר אִין אוֹיעֶר . וָואלְט אִיךְ מַשְׁתִּין גִיוֶועֶן בַּיי אִיר אִין אוֹיעֶר . אוּנ פַאר אִיר מֶעג אִיךְ גְעווִיס מַשְׁתִּין זַיין . ווייל דִיא סַכָּנָה פוּן אוֹיף הַאלְטֶען דִיא הַשְׁתָּנָה אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס . פְרֶעגְט דִי גְמָרָא פְרִיעֶר שְׁטֵייט עֶס הָאט גִיטְרָאפֶען בַּיי אֵיינֶעם וָואס עֶר הָאט גִיוָואלְט מַשְׁתִּין זַיין אוּנ הָט נִיט מַשְׁתִּין גִיוֶועֶן אִיז אִים גִישְׁוָואלֶען גִיוָוארֶען דֶער בּוֹיךְ . פוּן וַואנֶען ווייסֶען מִיר אַז דֶער בּוֹיךְ אִיז אִיהם גִישְׁווָאלֶען גִיווָארִין פוּן הַשְׁתָּנָה אוֹיף הַאלְטֶען . טָאמֶער הָאט עֶר גִיטְרוּנְקֶען וַואסֶער אוּנ אִינְווֵיינִיג אִיז אַרַיין אַווָארֶעם פוּן דֶעם אִיז אִיהם דֶער בּוֹיךְ גִישְׁווָאלֶען גִיווָארִין . עֶנְפֶערְט דִיא גְמָרָא אַז דֶער בּוֹיךְ וָואלְט אִיהם גִיוֶועֶן גִישְׁווָאלֶען פוּן אַווָארֶעם . וָואלְט דִיא הַשְׁתָּנָה גוּט גִיגַאנְגֶען אַזוֹי וִויא בַּיי אַלֶע מֶענְטְשֶׁין . אָבֶער אַז דִיא הַשְׁתָּנָה רִינְט טְרָאפִּינְס ווייז . אִיז אַצֵייכֶען אַז דִיא הַשְׁתָּנָה אִיז פַר הַאלְטֶען גִיוָוארֶען :

דִי רַבָּנָן הָאבֶּען גְלֶערְנְט צְווֵיי לֶעכְלַאךְ אִיז דָא אִין דִיא מִילָה . דוּרְךְ אֵיינֶע גֵייט אַרוֹיס הַשְׁתָּנָה . אוּנ דוּרְךְ דִיא אַנְדֶערֶע גֵייט אַרוֹיס דִיא זֶרַע . אוּנ דָאס אָפְּטֵיילוּנְג ווָס צְווִישֶׁען בֵּיידֶע לֶעכְלַאךְ אִיז אַזוֹי דִין וִויא אַשָׁאלַאכְץ פוּן אַקְנָאבִּיל . וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף מַשְׁתִּין זַיין אוּנ עֶר הַאלְט אוֹיף דִי הַשְׁתָּנָה . וֶוערְט דָאס הַיישֶׁעֶר גִיקְעבֶּערְט . אוּנ דֶער מֶענְטְשׁ קֶען שׁוֹין נִיט הָאבֶּען קֵיין קִינְדֶער . רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן לָקִישׁ זָאגְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עֶס וֶועט נִיט זַיין אִין דִיר קֵיין עָקָר אוּנ קֵיין עֲקָרָה אוּנ אִין דֵיינֶע בְּהֵמוֹת . וֶוען וֶועט נִיט זַיין אִין דִיר קֵיין עָקָר אוּנ קֵיין עֲקָרָה אַז דוּא וֶועסְט זַיין אַזוֹי וִויא אַבְּהֵמָה . אַז דוּא וֶועסְט דִיךְ נִיט שֶׁעמֶען מַשְׁתִּין צוּא זַיין אוֹיף יֶעדֶער אָרְט . רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי זָאגְט עֶס וֶועט נִיט זַיין אִין דִיר קֵיין עָקָר מֵיינְט מֶען דִיא וֶועסְט נִיט זַיין קֵיין עָקָר פוּן תַּלְמִידִים . דוּא וֶועסְט הָאבֶּען פִיל תַּלְמִידִים . אוּנ עֶס וֶועט נִיט זַיין אִין דִיר קֵיין עֲקָרָה מֵיינְט מֶען דַיין תְּפִלָּה וֶועט נִיט זַיין אוֹיס גֶערִיסֶען פַאר גָאט . גָאט וֶועט צוּ הֶערִין דַיין תְּפִלָּה . דָאס אִיז נָאר אַז דוּ וֶועסְט דִיךְ מַאכֶען אַזוֹ וִוי אַבְּהֵמָה . דוּ וֶועסְט נָאר

נִיט

מינה אתא לאשמועינן. בהמים כיון דרמ"ת אכרים הם נשאת דרוכה הוי קכ"ה : צירים . קרזול"ם :

(דף מה) **ג תנן** התם רוב בנינו ורוב מנינו של מת אע"פ שאין בו רובע טמאין . ת"ר וכו' ואיזהו רוב מנינו קכ"ה א"ל רבינא לרבא תנא מנינא אתא לאשמועינן וכו' א"ר יהודה אמר שמואל כעשה בתלמידיו של ר' ישמעאל ששלקו זונה אחת שנתחייבה שריפה למלך בדקו ומצאו בה רנ"ב א"ל שמא באשה בדקת שהוסיף לה הכתוב ב' צירים וב' דלתות . תניא ר"א אומר כשם שצירים לבית כך צירים לאשה שנא' (ש"א ד) ותכרע ותלד כי נהפכו עליה ציריה ר' יהושע אומר כשם שדלתות לבית כך דלתות לאשה שנא' (איוב ג) כי לא סגר דלתי בטני ר"ע אומר כשם שמפתח לבית כך מפתח לאשה שנא' (בראשית כט) ויפתח את רחמה [לר"ע קשיא דתלמידי ר"י דילמ' איידי דזוטרא אתמוחי מתמח) :

(פ"ג) **ד פיסקא** יתר בידיו וברגליו (שש ושש כ"ד ר' יהודה מכשיר וחכמים פוסלין) א"ר יצחק ושניהם מקרא אחד דרשו (ש"ב כא) ותהי עוד מלחמה וכתיב ויהי

---

ניט קערין דו וועסט דיך נאר פאר לאזען אויף נאט :

**ג** תנן : מיר האבען געלערנט אויב עס איז דא אין א שטוב מער ווי א האלבער קערפער א טויטער , אדער עס איז דא מער ווי העלפט גלידער פון א טויטען קערפער . אפילו ווען מען זאל ארויף לייגען דעם האלבען קערפער אדער דיא גלידער אין א מאס וועט ניט זיין קיין פערטיל קב ביינער [קב איז אזוי א מאס] : פון דעסט וועגין איז אלין וואס אין שטוב טמא . די רבנן האבען געלערנט וויא פיל גלידער איז מער וויא העלפט . הונדערט מיט פינף און צוואנציג . האט רבינא גזאגט צו רבא כוכט דער תנא אונז לערנען ציילען . מען וויס דאך אז א מענטש האט צוויי הונדערט מיט אכט און פערציג גלידער . מער וויא העלפט איז הונדערט מיט פינף און צוואנציג . רב יהודה האט גזאגט פון שמואלס וועגין עס האט אמאהל געטראפען א זונה האט פר זינדיגט צום מלך . האט מען גיפסקנת מען זאל זיא פר ברענען . האבען דיא תלמידים פון רבי ישמעאל גענומען די זונה און האבען זיא גיקאכט דער נאך האבען זייא איר צוא שניטען און האבען גיציילט אירע גלידער זענען זייא גיוועזען צוויי הונדערט מיט צוויי און פופציג . האט ער איהם גיענפערט ביי אשה זענען דא פיר גלידער מער וויא ביא א זכר . צוויי זאוויעסעס און צוויי טירען צו קינדער האבען . מיר האבען גילערנט רבי אליעזר זאגט אזוי וויא עס איז דא זאוויעסעם ביי א שטוב . אזוי איז דא זאוויעסעם ביי אשה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זיא האט געקניט און האט גיבארין ווארום עס זענען פאר קערט געווארין אויף איר די זאוויעסעס : רבי יהושע זאגט אזוי וויא עס איז דא טירען ביי א שטוב : אזוי איז דא טירען ביי אשה : אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער האט ניט פאר שלאסען די טירען פון מיין בויך . רבי עקיבא זאגט אזוי וויא עס איז דא א שליסול צו א שטוב . אזוי איז דא א שליסול צו אשה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער האט גיעפינט איר מוטער לייב . פרעגט די גמרא נאך רבי עקיבא דארף דאך זיין ביי אשה צוויי הונדערט מיט דריי און פופציג גלידער און דיא תלמידים פון רבי ישמעאל האבען נאר גיפונען צוויי הונדערט מיט צווייא און פופציג גלידער . ענטפערט דיא גמרא טאמער וויל דער שליסול איז קליין איז ער צו קוועטשט געווארין קאכענדיג ווען זיי האבען די זונה גיקאכט דריבער האבען זיי דעם שליסול ניט גיזעהן :

**ד** פיסקא . יתר . אז א כהן האט א פינגער מער אין דיא הענט און אין דיא פיס . ער האט צו זעקס פינגער צו זאמען הט ער פיר און צוואנציג פינגער . רבי יהודה זאגט ער איז כשר צו טאהן די עבודה . און די חכמים זאגען ער איז פסול צו טאהן דיא עבודה . רבי יצחק זאגט זייא לערנען ביידע אפ פון איין פסוק . עס שטייט אין פסוק און עס איז גיוועזען נאך א מלחמה איז גיוועזען אין דער מלחמה א הויכער מענטש וואס מען האט איהם גידארפט מעסטען און דיא פינגער פון זיינע הענט און דיא פינגער פון זיינע פיס זענען גיוועזען צוא זעקס .

די

(נט) ויהי איש מדון ואצבעות ידיו ואצבעות רגליו שש ושש מר סבר בגנותיה משתעי מר סבר בשבחיה משתעי וכו׳ . תניא א״ר יהודה מעשה באדם אחד שבא לפני ר׳ טרפון יתר בידיו וברגליו שש ושש עשרים וארבע א״ל כמותך יו״בו בישראל א״ל ר׳ יוסי משם ראיה כך א״ל כמותך יתמעטו ממזרי ונתיני מישראל :

**ה פיסקא** קפח וכו׳ פסולים באדם תני רב זביד גבוה איני והתני רבי אבהו מנין שהקב״ה משתבח בבעלי קומה שנא׳ (עמ ס ג) ואנכי השמדתי את האמורי מפניהם אשר כגבה ארזים גבהו א״ר פפא באריכא שמיטא סגיא אמר ר״ל גבוה לא ישא גבוהית שמא יצא מהן תורן ננס לא ישא ננסת שמא יצא מהן אצבעי לבן לא ישא לבנה שמא יצא מהם בוהק שחור לא ישא שחורה שמא יצא מהם טפוח :

כמותך יתמעטו ממזרי ונתיני מישראל. כל ממזרים שבישראל יהיו כמותך ויהיו ניכרין במשפחה פסולה זו ולא ידבקו בהן :
באריכא שמיטא סגיא. הארוך הוא ודק ואינו עב לפי ארכו ולפי שדק הוא אינו יכול לסבול קומתו ונכפף ונראה כמי שאלויותיו שמוטות :
בהק. שלבן ביותר: טפוח. שחור בקדרס והכינו בבלעי מסכת שבת ופקקו את המאור בטפיה :
ליטרין. מנין דהוא כ״ה סלעים : קנתירין. ק׳ סלעים

א״ר

---

דיא חכמים זאגען דער פסוק שמועסט פון זיין שענדליכקייט . ווייל ער האט געהאט צו זעקס פינגער דריבער איז ער געוועזן מיאוס . דריבער אכהן וואס האט צו זעקס פינגער איז אויך ניט שיין ער זאל מקריב זיין קרבנות . אונ רבי יהודה האלט דער פסוק לויבט איהם ער הט געהאט מער פינגער איז ער געוועזן שטארקער . אונ אכהן דארף אויך זיין שטארק . דריבער אכהן מיט זעקס פינגער מעג אויך מקריב זיין קרבנות . מיר האבען געלערנט רבי יהודה האט געזאגט אמענטש וואס האט געהאט צו זעקס פינגער אין דיא הענט אונ אין דיא פיס צו זאמען פיר אינ צוואנציג פינגער איז ער געקומען פאר רבי טרפון . האט רבי טרפון צו איהם געזאגט אזעלכע מענטשין וויא דוא זאל זיין פיל ביי יודען . זעהן מיר דאך אז עס איז גוט אז מען האט זעקס פינגער . האט רבי יוסי געזאגט צו רבי יהודה פון דארט ווילסטו ברענגען אבעווייזונג . ניט אזוי האט רבי טרפון צו איהם געזאגט . נאר אזוי האט ער געזאגט אלע ממזרים פון יודען זאלען זיין אזוי ווי דו . ווערט מען זיי דערקענען אז זיי זענען ממזרים ווערט מען זיך ניט מחתן זיין מיט זיי . וועלין זיין ווייניג ממזרים אונ נתינים ביי יודען :

**ה** פיסקא . קפח . אכהן וואס ער איז אקפח טאר ער ניט מקריב זיין קרבנות . רב זביד האט געלערנט קפח מיינט מען אהויכער . פרעגט די גמרא עס איז דאך ניט אזוי ווארום רבי אבהו האט געלערנט פון וואנען ווייסען מיר אז גאט בערימט זיך מיט די הויכע מענטשין : ווארום עס שטייט אין פסוק איך האב פאר טיליגט דעם אמורי פאר זייא וואס זיין הייך איז אזוי וויא דיא הייך פון דיא טענענבוימער . האט רב פפא געזאגט אהויכער מענטש אונ אנראבער איז טאקי שיין . אבער אהויכער אונ אדינער אונ ווייל ער איז צוא הויך דריבער גייט ער איין גיבויגען . דאס איז טאקי אפעלער . ריש לקיש זאגט אהויכער זאל ניט נעמען אווייב אהויכע . ווארום דיא קינדער וואס וועלין פון זייא גיבארן ווערין וועלין זיין הויכע וויא דער זאגעל פון אשיף . אנידעריגער זאל ניט נעמען אווייב אנידעריגע . ווארום דיא קינדער וואס וועלען פון זיי גיבארן ווערין וועלען זיין קליין וויא די פינגער . אווייסער זאל ניט נעמען אווייב אווייסע . ווארום די קינדער וואס וועלין פון זיי גיבארן ווערין וועלין זיין צו שטארק ווייס . אשווארצער זאל ניט נעמען אווייב אשווארצע . ווארום דיא קינדער וואס וועלין פון זייא גיבארן ווערין וועלען זיין שטארק שווארץ אזוי ווי אטאפ :

אמר

## יש בכור פרק שמיני

(דף נ) **א** **א"ר** חנינא כל כסף האמור בתורה סתם סלעין דנביאים ליטרין דכתובים קנטירין חוץ מכספו של עפרון שאע"פ שכתוב בתורה סתם קנטירין דכתיב (בראשית כג) ארבע מאות שקל כסף עובר לסוחר ואיכא דוכתא דקרו לקנטירא תיקלא. א"ר אושעיא בקשו לגנוז כל כסף וזהב שבעולם מפני כספה וזהבה של ירושלים עד שמצאו לו מקרא מן התורה שמותר דכתיב (יחזקאל ז) ובאו בה פריצים וחללוה וירושלים הויא רובא דעלמא אלא אמר אביי בקשו לגנוז דינרא הדריאנא טוריאנא שיפא מפני טבעה של ירושלים עד שמצאו לו מקרא מן התורה שהוא מותר שנא' ובאו בה פריצים וחללוה:

### פירוש

כל שקל: דכתיב עובר לסוחר: בכל מקום שיש סוחרין מקבלין אותו בתורה שקלים: ואיכא דוכתא דקרי. לקנטרא דידהו קנטירא שגדול כמדת קנטירא הילכך קנטירא יהיב ניה: מפני כספה של ירושלים. שהיה בלבב: וזהב של הקדש ואסור לזרים ושלקחוה נכרים ערבוהו עם זהבם: והללוה. משמע כיון שבאו פריצים נפק לחולין: הויא רובא דעלמא. בתמיה דעליה בעי למיהסר כל זהב שבעולם: דינרא הדריאנא טוריאנא שיפא. אלו היו מטבעות ירושלים וזוכן של אלו מירושלים באו

א"ר

---

## פרק שמיני

**א** אמר. רבי חנינא האט גזאגט וואו עס שטייט אין דער תורה כסף מיינט מען מאטבעות אמר. אין עס שטייט מאָלערס. אונ וואו עס שטייט אין נביאים כסף מיינט מען פונטען. אפונט זילבער. דאס איז פינף אונ צוואנציג טאלער. אונ וואו עס שטייט אין כתובים כסף מיינט מען קנתירין ואקנתיר איז הונדערט טאלער) אויסער דאס געלט וואס אברהם האט געגעבן צוא עפרון אפילו עס שטייט דאך אין דער תורה ער האט איהם געגעבן כסף. פון דעסטוועגן מיינט מען קנתירין. ווארום עס שטייט אין דער תורה אברהם האט געגעבן צוא עפרון פיר הונדערט שקל כסף וואס אלע סוחרים פון דער וועלט נעמען דאס פאר אשקל כסף: אונ עס איז דאך דא אלטער ווס אשקל בטרעפט אקנתיר והונדערט טאלער) הט אברהם איהם געגעבן גרויסע שקלים וואס יעדער שקל בטרעפט אקנתיר (הונדערט טאלער):

רבי אושעיא זאגט מען האט געוואלט בעהאלטען אלע זילבער אונ גאלד וואס עס איז דא אין דער וועלט. ווייל אין זייא איז אריין געמישט די גאלד אונ זילבער פון בית המקדש וואס זייא זענען היילינג אונ מען טאר ניט הנאה האבען פון זייא ווארום ווען דיא גוים האבען חרוב געמאכט דעם בית המקדש האבען זייא ארוים גענומען דיא גאלד אונ זילבער פון בית המקדש אונ האבען דאס אוים געמישט מיט זייערע גאלד אונ זילבער אונ דאס איז אוועק גיגאנגען אין דער וועלט) ביז דיא חכמים האבען געפונען אפסוק אין דער תורה אז מען מעג הנאה האבען פון דיא גאלד אונ זילבער וואס אין דער וועלט. ווארום עס שטייט אין פסוק עס זענען גיקומען אין בית המקדש גוים וחללוה. אונ זייא האבען גימאכט אלץ אוים היילינ. ווייא דיא גוים זענען אריין גיקומען אין בית המקדש איז אוועק גיגאנגען דיא היילינקייט פון אלע זאכען. פרעגט דיא גמרא איז דען ירושלים דאס מערסטע פון דער וועלט. וואס דורך דיא גאלד אונ זילבער פון ירושלים זאל מען וועלין אסרין דיא גאלד אונ זילבער פון דיא גאנצע וועלט. האט אביי גזאגט אזוי איז גיווען מען האט גיוואלט בעהאלטען דיא רענדלאך הדריאני טוריאני שיפא. ווייל זייא זענען גיוועןן מטבעות פון ירושלים. ביז דיא חכמים האבען גיפונען אפסוק אין דער תורה אז מען מעג. ווארום עס שטייט אין פסוק עס זענען גיקומען אין בית המקדש גוים אונ האבען גימאכט אלץ אוים היליג:

אמר

# מעשר בהמה פרק תשיעי

(דף נה) **א** א"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן למה נקרא שמו ירדן שירד כדן א"ל רבי אבא לרב אשי אתון מהתם מתניתו לה אנן מהכא מתנינן לה (יהושע יט) ויקראו ללשם דן כשם דן אביהם . וא"ר יצחק לשם זה פמיאס ותניא ירדן יוצא ממערת פמיאס :

**ב** אמר רב יהודה אמר רב כל הנהרות למטה מג' נהרות וג' נהרות למטה מפרת והאיכא (ע"ב) עינתא דמידליין אמר רב משרשיא הנהו סולמי דפרת נינהו והכתיב (בראשית ב) והנהר הרביעי הוא פרת אר"נ בר יצחק ואיתימא רב אחא בר יעקב הוא פרת דמעיקרא תניא רבי מאיר אומר יובל שמו שנא' (ירמיה יז) והיה כעץ שתול על מים ועל יובל ישלח שרשיו ולמה נקרא שמו פרת שמימיו פרים ורבים כסייע ליה לשמואל דאמר

שמואל

פירוש

מהן . של מקום : להון . מדוקיא דכמא דיינך מהניתו לה :

ממערת פמיאס אלמא מדן אתי (ולהכ"נ דבימי משה נקרא ירדן ולכם נקרא דן מימי יהושע נקרא ע"ש העתיד כמו חדקל כדאיתא בכתובות פ"ק מהרש"א) :

כל הנהרות שבעולם למטה הן מג' נהרות חדקל ופישון וגיחון שכל הנהרות שבעולם באים משם:

עינתא דמדליין : עינות מים הנובעות בהרים רמים וגבוהו הוו גבוהים מפרת והיכי אתו מפרת : כולמי. מקלחת ההם קרקע ועולין בהרים כמו סולם :

והנהר הרביעי. דכתב מיניהו חשיב להו ולאו אמרת דמיניה קאתו : הוא פרת דמעיקרא . הוא פרת הנזכר לעיל ונהר יוצא מעדן וגו' ובהג' נפרדים ממנו : יובל שמו . של פרת ועל יובל ישלח שרשיו וגו' בעץ החיים מבהעי קרא ועץ החיים בגן העדן הוא ופרת הוא המשקה גן עדן : פרין ורבין . שגדל

---

## פרק תשיעי

**א** אמר. רבי חייא בר אבא האט געזאגט פון רבי יוחנן וועגן פאר וואס רופט מען דעם טייך ירדן. ווייל דיא וואסער גידערט פון דן. האט רבי אבא געזאגט צו רב אשי איר לערנט אפ פון דעם נאמען ירדן אז דיא וואסער נידערט פון דן. מיר לערנען אפ פון א פסוק אז דיא וואסער פון ירדן גייט פון דן. ווארום עס שטייט אין פסוק מען האט גירופען דיא שטאט לשם דן. אזוי ווי דער נאמען פון זייער פאטער דן. אונ רבי יצחק האט געזאגט לשם דאס איז פמיאס. אונ מיר האבען גילערונט אין פמיאס איז דא א קעלער פון דעם קעלער גייט ארויס דיא וואסער פון ירדן:

**ב** אמר. רב יהודה האט געזאגט פון רבס וועגן אלע טייכען פון דער וועלט זענען נידעריגער פון דיא דרייא טייכען (חדקל פישון גיחון). אונ פון דיא דרייא טייכען ציהען זיך די וואסער אין אלע טייכען פון דער וועלט. אונ דיא דרייא טייכען זענען נידעריגער וויא דער טייך פרת. אונ פון טייך פרת גייט אריין דיא וואסער אין דיא דרייא טייכען. קומט אויס אז אלע וואסערין פון דער וועלט קומען פון טייך פרת. פרעגט דיא גמרא עס איז דאך דא קוואלען וואס זענען אויף בערג וואס זענען העכער וויא דער טייך פרת. וויא אזוי קומט אין די קוואלען דיא וואסער פון פרת. האט רב משרשיא געזאגט דיא וואסער פון פרת גייט אונטער דער ערד אויף אלע בערג אזוי וויא מען גייט אויף א לייטער אונ עס דער פילט מיט וואסער אלע קוואלן. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק אונ דער פערטער טייך איז פרת. רעכונט מען דאך פרת גלייך מיט אלע טייכען. האט רב נחמן בר יצחק געזאגט. אנדערע זאגען רב אחא בר יעקב האט געזאגט אזוי מיינט מען דער פערטער טייך איז פרת וואס ער איז דער ערשטער טייך וואס גייט ארויס פון גן עדן. אונ פון איהם זענען צוא טיילט גיווארען נאך דריי טייכען. וואס ער גיסט אריין דיא וואסער אין זיא. דריי טייכען זענען חדקל גיחון פישון. מיר האבען גילערינט רבי מאיר זאגט דער נאמען פון פרת איז יובל. ווארום עס שטייט אין פסוק אונ ער וועט זיין אזוי וויא א בוים וואס ער איז גיפלאנצט אויף וואסער אונ אויף דעם טייך יובל שוהט ער אויס שפרייטען זיינע ווארצלען. דעם בוים מיינט מען דעם עץ החיים וואס אין גן עדן. אונ דער טייך פרת וואס מען רופט איהם יובל טרינקט אן דעם גאנצען גן עדן. פאר וואס רופט מען דעם טייך פרת. ווייל דיא וואסער שטארקט זיך פון זיך אליין אפילו אן

רענין

שמואל נהרא מכיפיה מיבריך ופליגא דרב דא"ר אמי אמר רב מיטרא במערבא סהדא רבא פרת:

(דף נז ע"ב) ג העיד ר' ישמעאל בן סתריאל מעריקת לבנה לפני רבי חורית שבמקומנו יש להם ששים רבוא קלפין (יתוש שבמקומנו יש לו ס' רבוא קלפין) בבית המסס שלו פעם אחת נפל ארז במקומנו ועברו י"ו קרנות על חודו פעם אחת נפלה ביצת בר יוכני וטבעה ס' כרכים ושברה ש' ארזים ומי שדיא ליה והכתיב (איוב לט) כנף רננים נעלסה א"ר אמי ההיא מוזרתא הוה:

(דף נח) ד תניא בן עזאי אומר כל חכמי ישראל דומים עלי כקליפת השום חוץ מן הקרח הזה:

אמר

הכא בלא שום מטר: סהדא רבה פרת. פרת יורד מא"י לבבל וכשגשמים יורדים בא"י סהדא בה כאי פרת בבבל שירדו גשמים במטר בא לפי שגדל מחמת הגשמים:

מערקת לבנה. שם מקום: חורית. ירק שלועזים ליטוג"א (כמו תורת מהפך מאכל: קלפין. בלין קליפות של עלין): בבית המסס. לפי"ל שכולו עבוי קליפות קליפה היינו אותן עלין קטנים כמו שבשר עצמו שיש בתוכו המסס של בהמה בל"א מענקול"ט: על חודו. י"ו קרנות זו אצל זו עברו על פניו (עץ שנפל שהיה עביו מד ועגול וכ"ש אם היה משופע בגסותו כעין נסר היה עדיין רחב יותר): בר יוכני. עוף גדול: וטבעה ששים כרכים. חלבון וחלמון שלה: ומי שדיא לה. בר יוכני ביצתה לאיבוד: והכתיב כנף רננים נעלסה. ודרשינן נעלסה נוטריקון במסכת מנחות בפרק ר' ישמעאל נושא עולה ומתחתא נושא ביצתה שאע"פ שכבדה היא יש בה כח לנשאה ועולה עד קנו ומורידה לשם כנחת. מתחתא לשון ירידה וכן אמר הקב"ה לאיוב וכי ברהא כנפים משובחות לאותו בר יוכני שיש בהן כח כל כך שנושא ביצה גדולה ומגביהה למעלה ומורידה בנחת בקינה אלמלא דלא שדיא ליה: ההיא. ביצה שנפלה: מוזרתא הויא. מוזרתא שאין אפרוח גדל בה והשליכתה מדעתה: הקרח הזה. ר"ע היה קרח דרבי יהושע בן קרחה הוא בני ר"ע דאמ' בשבועות שאל ר' יהושע בנו של ר"ע את ר"ע פ"ב: לאמר

רעגין. און דאס איז אזוי וויא שמואל האט געזאגט אז דער טייך פרת ווערט געבענשט פון זיין אייגענעם קוואל. און ער קריגט אויף רב. ווארום רבי אמי האט געזאגט פון רבם וועגין אז מען וויל וויסען אין בבל אויב אין ארץ ישראל איז געגאנגען רעגין. זאל מען זעהן דעם טייך פרת וואס ער גייט פון ארץ ישראל אויב דער טייך פרת אין בבל איז גרויס געווארין. איז א סימן אז אין ארץ ישראל האט גערעגענט. זעהן מיר אז דער טייך פרת ווערט גרויס פון רעגין:

ג העיד. רבי ישמעאל בן סתריאל פון דער שטאט עריקת לבנה האט עדות געזאגט פאר רבי. אז די ערדענע פרי וואס הייסט חזרת וואס וואקסט אין אונזער שטאט. הט זעקס מאהל הונדערט טויזענד שאלאכצין איינע אויף די אנדערע. און דער שרץ וואס הייסט יתוש וואס ער געפינט זיך אין אונזער שטאט איז דא זעקס מאהל הונדערט טויזענד הויטען איינע אויף דיא אנדערע אויף זיין קישקע וואס איניווייניג ליגט דאס עסין:

אמאהל איז ביי אונז איין געפאלען א צעדער בוים. זענען געפארען זעכצעהן פורען אין דער ברייט מיט איין מאהל אויף די גרעב זיינע. וואס די גרעב איז קיילעכדיג. און אז דער בוים וואלט געווען פאר גלייכט אזוי ווי א ברעט וואלטין געקענט נאך מער פורען פארין אויף די גרעב:

אמאהל איז אראפ געפאלען אן איי פון דיא פויגיל וואס הייסט בר יוכני. האט דיא איי דער טרונקען (מיט איהר וויסיל און געלביל) זעכציג שטעט און האט צו בראכען דריי הונדערט צעדער בוימער: פרעגט דיא גמרא ווארפט דען דער פויגיל בר יוכנא זיינע אייער אויף דער ערד. עס שטייט דאך אין פסוק כנף רננים נעלסה. די שפיר פויגיל בר יוכני האט שטארקע פליגעל אז זיא קען טראגען אזוי א גרויסע איי אויף איהרע פליגעל און זיא פאמעלאך לייגין אויף איהר נעסט: זעהן מיר דאך אז דיא בר יוכני היט איהרע אייער זייא זאלען ניט אראפ פאלען. האט רב אמי געזאגט דיא בר יוכנא היט נאר איהרע אייער ווען זייא זענען גוט. עס קען ווערין פון זייא לעבעדיגע פייגעלאך. אבער די איי וואס איז אראפ געפאלען איז געווען א שלעכטע. און זיא האט אליין אראפ געווארפען:

ד תניא. מיר האבען געלערנט בן עזאי זאגט אלע יודישע חכמים זענען געגין מיר גלייך וויא א שאלאכץ פון א קנאביל. אויסער דער גאלער קאפ. דאס איז רבי עקיבא. ער איז דער גרויסער למדן:

אמר